STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02884

DRAMEN

Pesah Shtain

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פסח שטיין

דראמען

BIDERMAN'S
BOOK & ART SHOP
239 E. 12TH ST. N.Y.
בידערמאנס
בוך געשעפט

פארלאג „טעאליט"
ניו יאָרק, 1928

אינהאלט:

פאָרוואָרט פון ב. ריווקין — — — — — — — — — — 3

„די מאַמע גאָט" — — — — — — — — — — — — — — 9

ווער איז שולדיק — — — — — — — — — — — — — 49

„נתן מיט די שטראלן" — — — — — — — — — — — — — 119

Copyright, 1928
by
TEALIT PUBLISHING CO.
New York

270

פאָרוואָרט

איך שרייב די פּאָר שורות, כדי פאָרצושטעלן דעם מחבר, פּ ס ח ש ט י י ן, אפשר וועט דאָס אים פאַרלייכטערן דעם צוטריט צום קריטיקער און דורך דעם קריטיקער צום לעזער.

פּסח שטיין איז אַ פאָריער ביים פאַך, טעטיג אין דער פאָריערס יוניאָן פון פילאַדעלפיא. אין די ברודער־קאַמפן צווישן די פאָריערס האָט פּסח שטיין שוין זוכה געווען צו אַ שטיקל גדולה: די ציטונגס־לעזער, וואָס האָבן אַ זכרון, וועלן זיך דערמאָנען, אַז אויף דער פאָר־יערס־קאָנווענשאָן אין וואַשינגטאָן איז ער געווען איינער פון יענע געציילטע דעלעגאַטן, וואָס די מאַיאָריטעט האָט זיי אויסגעקליבן צו דעמאָנסטרירן אויף זיי איר כוח געגן דער מינאָריטעט; פּרעזידענט גרין האָט אליין געזען, ווי מען האָט אים איינגעטיילט אַ היפּשע פּאָרציע.

צו דעם אַלעמען — אַרבעטנדיג אין שאַפּ, דינענדיג דער יוניאָן אַלס סעקרעטאַר, שטייענדיג אין ברידערלאַכן מלחמה־דינסט — גע־פינט פּסח שטיין צייט, שטימונג און עקשנות צו שרייבן דראַמען פאַר אידן.

די געוואוינהייט האָט ער מיטגעבראכט פון דער היים, פון זיין שטעטל אין בעסאַראַביען — סאָראָקי. ער איז שוי׳ן דאָרטן געווען אַ פאַרקאָכטער טעאַטראַל: דירעקטאָר, דראַמאַטורג און הויפּט־שוישפּילער פון אַמאַטאָרישן טעאַטער. זיין גאַנצער באַגאַזש ביים אַראָפּגיין פון שיף איז באַשטאַנען פון אַ פּעקל דראַמען.

קענענדיג פּסח שטיינען פּערזענלאך, קענענדיג אים ביים פּראָ־צעס פון שרייבן, וויל איך עדות זאָגן אויף דער ערשטער מעלה זיי־נער: פּסח שטיין באַזיצט אַן איינגעבאָרענעם דראַמאַטורגישן אינסטינקט, אַ נאַטירלאכע סצענישע באַרעדיוודיגקייט. וואָס ער האָט צו דערי׳ציילן, לעגט זיך פון זיך אַליין ביי אים אויס אין דער פאָרם פון דיאַלאָג, האַנדלונג און ביהנען־באַוועגונג. דער סוזשעט פון דער „מאַ־מע־גאָט" איז ביי אים געבאָרן געוואָרן פון א קורצער נאָטיץ אין קאַרל מרמר׳ס אַרטיקל איבער באַבילאָנישער מיטהאָלאָגיע, וואו עס איז, דרך־אגב, דערמאָנט געווען די ליבע צווישן דעם זון־גאָט תמוז און דער פרוכטבאַרקייט־געטין אישטאַר, מיט דער קנאה פון די נידע־

ריגערע געטער צו דער גליקלאכער פּאָר. און דערנאָך ערשט נאָכגעזוכט היסטאָרישע פאַקטן אַלס א מיטל צו באַגרינדן די אַרבעט איבער די פּאָר שורות פון ק. מרמר'ס אַרטיקל. עס איז ניט קיין קונץ פאַר אײנעם, וואָס האָט זיך אָנגעזויגן מיט געטער־מעשיות פון שול־באַנק, פונאַנדערצעוויקלען עס אין אַ סוזשעט; אָבער א צייטונגס־נאָטיץ אַזוי אויסצעשפּרייטן איז שוין מער ווי אַ קונץ: עס איז בריה'־שאַפט. וואו די געטער ליבן, איז פּסח שטיין אפשר ניט אַזאַ בריה מיט זייער צונג, אָבער וואו די געטער האַנדלען, דינט אים זיין אייגענע פּען זייער פלינק. די סצענע, צום ביישפּיל, אין צווייטן אַקט, אין דעם קעניגרייך פון דער אונטערוועלט, מיט דער פּראָצעסיע אַרום דעם טויטן גאָט, מיט דעם שטרייט פון די צוויי געטינס, דער אויף־דער־ערדישער און דער אונטערערדישער, דער טריאומפירנדיגער און דער באַזיגטער — ווען א פאַנטאַזיע קאָן דאָס אַלץ אַרויפליייענען אויף אַ צייטונגס־נאָטיץ, איז עס אַ דראַמאַטורגישע פאַנטאַזיע... וואו מענטשן האַנדלען, איז פּסח שטיין שוין גאָר אַ מאדים. דעד דריטער אַקט — דער חורבן אויף דער ערד — איז שוין אין גאנצן אויסגעטראָגן פון דער פאַנטאַזיע, אָן שום אָנשטויס פון דרויסן. אין דער צייטונגס־נאָטיץ איז דארויף קיין אָנצוהערעניש ניט געווען. נאָר דער שכל איז מחייב, אַז ווען די ליבע צווישן דער פרוכטבאַרקייט־געטין און דעם זון־גאָט איז צעשטערט געוואָרן, האָט זיך אָפּגעטאָן די מזל־ברכה, עס הערשט הונגער, עס קומט צו אַן אויפשטאַנד און דער אויפשטאַנד ווערט אונטערדריקט. אָבער ווי שטעלט זיך דאָס ביי אים אויס אין סצענען און פּערזאָנען! דער פּריסט דער שתדלן פאַרן פאָלק, דער קעניג, דער כיטרער טיראַן, וועלכער דאַרף דעם פּריסט און זיינע געטער נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפיל זיי העלפן אים הערשן איבערן פאָלק — אַ כיטרעקייט און אַ טיראַנישקייט, וואָס פּאַסט זיך פּונקט אריין אין יענע פּרימיטיווע צייטן — אַ קעניג, הלואי אויף אַלע קעניגע אין דער אידישער דראַמאַטורגיע געזאָגט געוואָרן! פּסח שטיין פון פילאַדעלפיער פּאָריער שאַפּ האָט זיך אַריינגעלעבט אין בבל...

און אין דער דראַמע „נתן מיט די שטראַלן“ — אויף דער תלמודישער לעגענדע — האָט ער זיך אויך אַריינגעלעבט. וויפיל ניט איז האָט ער דאָך געטראָפן די צייט און די מענטשן. ער איז פון וועג ניט אַראָפּ... און איך ווייס, ווען ער שרייבט פון א סביבה, וואָס איז אים נאָענט, זיינען די מענטשן און דער דיאלאָג נאָך לעבעדיגער — די מענטשן און זייער לשון לאָקאַליזירט און פול מיט כאַראַקטער, יעדער פאַרשוין מיט זיין לשון...

און פּסח שטיינ'ס צווייטע מעלה, וועלכע קאָן אַמאָל איבערגיין

אין אַ חסרון, איז די אויבן דערמאָנטע עקשנות. עס איז די גוטע עקשנות, וואָס איז אַ נויטיגער צוגאָב צו טאַלאַנט — ניט אָפּצושרעקן זיך, ניט צו לאָזן זיך אַראָפּשלאָגן פון מוט, און די ניט אַזאַ גוטע עקשנות, די יונגע באַזעסנקייט און זעלבסטזיכערקייט, וואָס וויל זיך ניט צוהערן צו קריטיק אונטער פיר אויגן.

האלט איך דארום, אַז עס וועט אים גוט טאָן דאָס ערשיינען אין בוך־פאָרם. זאָל ער דורכגיין די פייער־פּראָבע פון עפנטלאכער קריטיק. ער וועט באַרייכערט ווערן מיט ביטערער און זיסער ערפאַרונג. און עס פאַרדריסט מיר אפילו ניט אויף די פאָר הונדערט — אָפּגעשפּאָרט פון אָנגעהאָרעוועטע פאָריער־פאַרדינסטן — וואָס ער האָט אין דעם בוך אַריינגעשפּאַרט. פאַר עפנטלאַכער קריטיק דאַרף מען זיך בויגן. עס איז אַ פאַקט, וואָס מען קאָן מיט עקשנות ניט גובר זיין. און די מעלות, וואָס זיינען אין אים דאָ, וועלן פאַרשטאַרקט ווערן, און די חסרונות וועלן אָפּגעשוואַכט ווערן.

די חסרונות האָב איך ניט גערעכנט — איך האָב זיי איבערגע־לאָזט פאַר די קריטיקער, וואָס זיינען זיך מחיה פון זיי...

פונדעסטוועגן זיינען די קריטיקער געבעטן, פריער פון אַלץ, געפינען די מעלות, און די חסרונות, וואָס זיי וועלן געפינען, אַרויס־רעדן מיטן פולן מויל, אָבער אַלץ מיט דער כונה, אַז פּסח שטיין דאַרף געהאָלפן און אויפגעמונטערט ווערן. נאָך אַלעמען איז ניט לייכט דער איבערגאנג פון א שווערן האָרעפּאַשניק אין אַ לייכט־פינגערדיגן דראַמאַטורג. און זיינען מיר דען אַזוי איבעררייך מיט דראַמאַ־טורגן? זאָל צוקומען איינער, וועט צוקומען א צווייטער — און כן ירבו!

אויף וועמען דען זיך פאַרלאָזן — אויף אונזערע טעאטער־מענעדזשערס? אַ בוך איז פאָרט בעסער, ווי אָפּצוקלאַפּן די טירן ביי די טעאטער־מענעדזשערס. פּסח שטיין האָט נאָך דעם חסרון אין זייערע אויגן, וואָס ער האָט דעם אויסזען פון אַן „אוידעלן ליטע־ראַט“, און אזעלכן נעמען זיי ניט אויף בסבר פנים יפות... זיי וועלן גיכער פאר דעם טייפל די טיר עפענען...

איך פאַרהאָף, אַז צו פּסח שטיינ׳ס צווייטן בוך דראַמען — און ער האָט זיי נאָך אַ היפּש ביסל, יעדן דריטן חודש ברייגנט ער מיר אַ נייע דראמע — וועל איך מיר שוין קענען פאַרשפּאָרן צו שרייבן אַ פאָרוואָרט מיט אַ פאָרשטעלעניש — עס וועט ניט נויטיג זיין...

ב. ריווקין.

„די מאַמע נאָט"

היסטאָרישע דראַמע אין פיר בילדער

(לויט א באבילאָנישער לעגענדע)

פערזאָניפיקאַציעס:

אישטאר: „די מאַמע גאָט“.

תמוז: דער שיינער יונגער גאָט, וואָס אימפּער־זאָנירט די פרילינגס־זון, אישטאַרס געליבטער מאַן.

אדאר: פייער־גאָט.

ניפּור: דער באוואפנער

בעל: מלחמה־גאָט

וואול: שטורם־גאָט.

די שונאים פון תמוז.

אלול: הערשערן איבערן גהינום.

נאמטור: גאָט פון פעסט.

הימל־גייסטער, ערד־גייסטער, גהינום־גייסטער.

הערשער אויף דער ערד

פּריסטער

פאָלק

חייל

דינער צו אישטאַר.

ערשטער אַקט

(אַ הויכער פעלז מיט שאַרפע ווינקלען, וואָס פאַרגייען אַזוי האַרט ביי די ברעגן, אַז ס'ווייזט ניט קיינע סמנים, אַז מענטשלאַכע פיס זאָלן דאָרט האָבן געטראָטן. די ווינקלען צו מזרח פאַרגייען שוין אין דער בלויער טונקלקייט, די מערב'דיקע זייט איז נאָך באַגאָסן מיט גאָלד פון די לעצטע זונשטראַלן, די שאַרפע קאַרבן צו דער זון זעען אויס ווי אַרומגעזוימט מיט אַ שטרענ־גער פלאַקער ליניע, אָבער מינוטנווייז ווערט די ליניע אַלץ שמעלער און שמעלער.

אויפן פעלז שטייען אישטאַר און תמוז און קוקן מיט פרייד אין דער ווייטקייט פון אַראָפּ.

אישטאַר: מיט דיין אַוועקגיין און מיט דיין קומען, תמוז, בליצט אויף פאַר מיר אויפסטיי דאָס געוועב פון לעבן און דאָס צויבער שפּיל. אָט זעסטו דאָרט — אַ יונגע מוטער־טויב האָדעוועט איר קינד, הא, ווי פריידיק, ווי פריידיק...
און דאָרטן שליסט אַ בעכער־בלום צונויף אירע פּיאַ־לעטן בלעטלאַך איינזאַפּנדיק די לעצטע שטראַלן פון דיין זון...
און דאָרט אין יענער זייט זיצן צוויי מענטשן־קינדער, אַ „ער" און אַ „זי". קוק ווי זיי גיסן איבער דורך זייערע ליפּן דעם שטראָם פון רייפצייטיקער בענקונג. דאָס איז ליבע, תמוז... דאָס איז דאָך ליבע...

תמוז: יא, דאָס איז ליבע... דאָס איז דיין אָטעם, און

דארפסט זיך פרייען, ווייל אלעס שטראַמט פון דיין געמיט מיט די ווינטן איבער די פּאַרזייטע און איבער־זייטע, וואָס ווידמענען זיך אויף דער ערד.
און שטיי איך נעבן דיר, איז מיין אייגענער אָטעם איבערפולט מיט לעבן און מיט פרייד. פון דיר גיי איך אַ זאטער צו די מאַרגנדיקע סטאַדעס. פאַר זיי דאָרט, פאַר די הימל־ברואים טייל איך אוים מיין זאטקייט, און ביז איך קום צו דיר, הונגעריק איך זיך ווייטער אוים. דיין ליבע איז אַ קוואַל, וואָס האָט קיין סוף ניט. דו טראָגסט מיט זיך דעם גאַנצן ליבע־אוצר.

אישטאַר: דאָס איז דיינער, תמוז, ווייל די ליבע וואָלט קיין אוצרות ניט געזאַמלט, ווען ס'זאָל ניט זיין דער, וואָס זאָל וועקן די ליבע, ווייל פון דעמאָלט, פון דער צייט, וואָס דו האָסט מיך מיט דיין יונגער פרישער קראַפט באַהערשט, איז דאָס לעבן אויף דער ערד גע־וואָרן קערנדיקער, זאַנפטיקער. דאָס ביזטו מיט דיין אייביקער אינגלשקייט, וואָס וועקט אין מיר פרויען־שאַפט און מוטערשאַפט, פרוכטבאַרקייט און ליבע.

תמוז: (נעמט זי אָרום) פרויענשאַפט, מוטערשאַפט, פרוכטבאַרקייט און ליבע וויקלען זיך אין מיינע אָרעמס, באַגאָסן פון מיין זון...

אישטאַר: גלעט, אָט אַזוי... גייסט דאָך שוין ביז מאָרגן, ביז דיינע ערשטע שטראַלן וועלן נאָך אַמאָל מיין בעט דערגרייכן, און ווייטער וועט דערוואַכן מיט נייער פרישקייט די בענקונג נאָך דיר, און דער רייץ פון דיין שיין וועט מיך אָנפילן מיט דערוואַרטונגען אי־בער דעם גאַנג פון טאָג. הא, און יעדעס מאָל, וואָס פאַר די זאַמלען זיך די הימל־סטאַדעס אַפּצוציען, דער־וואַרט איך שוין דיין קומען.
דו אייביק יונגער גאָט.

תמוז: טרינק דעם לעצטן שטראַל פון היינט, די בלוי־קייט ווערט געדיכטער...

אישטאַר: (פאַרמירט די ליפּן) באַריר...

(תמוז קושט זי לאַנג. דער גאָלדענער זוים איז שוין כמעט ווי פאַרשוואונדן. עס הערט זיך אַן אומרואיקע באַוועגונג אַרום דעם פעלז. זיי שליסן זיך לאַנגזאַם אָפּ איינער פון צווייטן, קוקן זיך פאַרזיכטיק אַרום).

תמוז: אָט דאָרט האָט עפּעס זיך באַוואויגן.

אישטאַר: ניט געוויינלאַך איז דער ריר געוועזן...

(זיי פאַרשווינדן הינטערן פעלז, צוהערנדיק זיך צו יעדער באַוועגונג. פון פיר זייטן דערשיינען די געטער, אַדאַר, ניפּור, בעל, און וואול).

ניפּור: דאָס מאָל אויך פאַרשפּעטיקט? ווען־זשע וועט דער סוף שוין קומען!

אַדאַר: ניט געאיילט זיך, אין גייעג נאָך געטער פרעגט מען ניט פאַר דעם סוף, פאַרמעסט דיך, און פאַרלויף דעם סוף דעם וועג.

בעל: נו, וואָס־זשע וואַרט מען. ער וועט דאָך באַלד פאַרשווינדן מיטן לעצטן שפּיץ פון ליכט.

וואול: ווייסטו דאָך אַז ביז די לעצטע רויטקייט פון דעם אָפּשיין פון דער זון וועט ניט פאַרשווינדן, איז זיין גבורה אומבאַגרענעצט...

ניפּור: ווען־זשע וועט דער סוף שוין קומען? כ'קען שוין מער מיין קנאה ניט באַהערשן. (רעוועט) וההוהוהו...

בעל: און ווער ס'רעדט אַרויס זיין קנאה, ליידיקט אויס די רעגונג צו באַצווינגען דעם, וואָס רופט אַרויס די קנאה.

ניפּור: נו, צוים־זשע מיך... נאַ צוים!...

אדאר: אומזיסט דיין שרייען. דער וועג איז קרום, האָט
דיך דיין גייציגקייט אַרויף צום שפּיץ געצויגן,
זאָג איך נאָך אַמאָל, אַז אונטן איז דער פּלאַץ
געווען. ביי אלע וועגן אים געדאַרפט פאַרלויפן. און ביז
ער וואָלט אַראָפּגענידערט, וואָלט די לעצטע שיין פון
זון זיך אויסגעלאָשן.

ניסור: (רייסט זיך אָפּ פון אָרט) נו, וואָס־זשע שטייט
איר?

וואול: (ווייזט א צייכן אויפן הימל צו א שוואכן אָפּשיין
פון דער זון) צי זעסטו ניט?

בעל: צי ביזטו העלפן אונז געקומען, צי שטיינער אונ־
טערוואַרפן?

אדאר: ששש! ששש! (מורמלט) דאָרט הער איך טריט...
(אַלע פאַרשווינדן אין פאַרשיידענע עקן)

תמוז: (ערשיינט, שטעלט זיך אין דעם צענטר און הייבט
אויף די הענט אַריינציענדיק דעם אָטעם לאנגזאם) און
דער רוף צו פרימאָרגן דערוואַכונג באַפעלט דיר:
„ווער ניט אין דער נאַכט"...
(ער דערוואַכט פון א גערודער און איידער ער
קוקט זיך נענוג ארום, שטייען די געטער ארום
אים).

תמוז: (עטוואָס שוואַך) ווער זענט איר, איר געטער
פון דער נאכט?

אדאר: דערקאָנסטו ניט דעם אלטן פייער־גאָט אדאר'ן?

תמוז: שוין דער לעצטער שטראַל פאַרגאַנגען, זיינען
מיינע אויגן אָן דער ליכט...

ניפור: (קנאַלט מיט דונער־געלעכטער) כאַ־כאַ... אויס־
געלאָשן שוין דאָס ליכט פון טאָג (צו וואול) בלאָז! דו
גאָט פון שטורם.

וואול: כי־כי־כי־כי (ס'בלאָזט אויף דער ווינט).

תמוז: און ווער איז דער אין מיין רעכטער זייט, וואָס אָטעמט אויף מיר מיט שנאה און רציחה?

ניפור: (טוט א פאַך מיט דער בייטש אין לופטן און שניידט זי איין אין תמוז'ן) כאַ-כאַ-כאַ-כאַ... אָט ווער דאָס איז! ניפור! כאַ-כאַ-כאַ, דערקאָנסטו מיינע שמיץ?

(תמוז טוט ניט קיין ריר מיט קיין אבר. ער ציט נאָר לאַנגזאם איין די לופט, צעשפּרייטנדיק זיינע נאָזלעכער און ארומשמעקנדיק דעם שטח ארום זיך... פון דער זייט וואו דער לעצטער שטראַל פון דער זון איז פארשוואונדן ציט זיך אויס א שטראָם פייער).

(די געטער ציען איין דעם אָטעם אויפן קול)

תמוז: איצט נעם איך אָן דעם מיטל פון מלחמה, נאָר דערקלערן דאַרפט איר מיר, וואָס האָט אייך גע-בראַכט אהער.

ווייסט איר דען ניט, אז ווען איך טרעט נאָר דעם ערשטן טריט אריבער פון דער אונטערוועלט אראָפּ, און באלד ווערט דאָס ליכט פון זון אויסגעלאָשן?...

אדאר: דאָס וואָס מיר ווילן, מיט צופיל זון האָסטו די וועלט באַגאָסן, פון זינט דיין ליבע מיט עשתרות האָט מען באַלד אָן אונז פאַרגעסן!

דיין ליבע האָט באַהערשט די גאַנצע ערד, און מלחמות האָבן אויפגעהערט.

ניפור: און אַז מלחמות האָבן אויפגעהערט, איז ניפור דער באוואפנער אויך געבליבן אַ פאַרגעסענער.

תמוז: און וואָס וויל דער ווינט?...

וואול: דער ווינט וויל גאָרניט.

ער טוט נאָר בלאָזן וואוהין מ'הייסט אים.

תמוז: מם... געטער, געמפער!

פאַרגעסענע געטער.

מענטשן האָבן אייך באַשאַפן

אין זייער אומבאהאָלפנקייט,
און מענטשן האָבן אייך פארגעסן
אין זייער דינסט צו מיר,
און מענטשן וועלן מיך פארגעסן
און באַשאַפן פאר זייער טרייסט נייע געטער.
און דער שפיל וועט זיין אן אייביקער...
געטער קומען און פארשווינדן.

אדאר: מיר ווילן זיך ניט זאַטמאַכן מיט דעם וואָס דו וועסט אויך אַמאָל פאַרשווינדן.
מיר זיינען איצטער הונגעריק נאָך רוים, און ווייל דער ציטער פון מיין פייער איז נאָך ניט פאַרלאָשן, וויל איך ווירקן!!!
ברענען דאַרף איך, בראָטן!

וואול: שטורמען דאַרף איך
ווינטן!

אדאר: און האַלטסטו אָן דאָס חנ׳דלען
מיט עשתרות,
בלייבן מיר פאַרגליווערט!

תמוז: וואָס-זשע ווילט איר?

בעל: טויט ווילן מיר.

ניפּור: דעם טויט פון זון-גאָט!

תמוז: און וואָס וועט זיין דערנאָך?

בעל: דאָס וואָס ס׳דאַרף זיין!
סטאַדעס מענטשן וועלן זיך באַוועגן.
אַנפאַלן דורשטיקע איינער קעגן צווייטן.
מלחמות וועלן זיך צעשפּילן
און איך וועל קעניגן

און פרעגלען זיך פון נחת.
בלוט וועט זיין דער שפּיגל פון דער וועלט.
בלוט, בלוט, בלוט...

תמוז: נישט אַף לאנג
וועט דיין קיניגרייך באהערשן
דעם מענטשנס פארלאנג.
גיך וועט ער מיד ווערן
און די צייט פון חכמה
וועט זיך שפּרייטן אַף דער ערד.
נאָך דער חכמה וועט קומען וויסן.
און ווען דער מענטש וועט וויסן
אַלע סודות איבער אונז,
דעמאָלט וועט ער ווייטער בענקען...
און איך וועל זיך באַווייזן אַף זיין רוף,
און ווייטער וועט די ערד
פאַרזייט ווערן מיט ליבע,
און דער לעצטער שפּיל וועט זיין מיט מיר.
געטער קעמפער,
פאַרגעסענע געטער,
געטער קומען און פארשווינדן!

בעל: כאַ־כאַ, כאַ־כאַ־כאַ....
יעדער זעט פאַר זיך דאָס בעסטע,
פאַרזאגן דעם סוף,
איז גוט פאר אנדערע...
כאַ־כאַ! שפּיל זיך אוים דו זון און גליק־
פאַרגרייטער,
שפּיל — זיך — אוים!
דער סוף איז דיינער איצט!

תמוז: זענט איר דאָ אַלע גרייט...
(ער רייסט זיך פּלוצלונג אָפּ פון פּלאַץ און

שפּרינגט אַרויף אַף ניפּור, אַלע וואַרפן זיך אַף אים, און ער קעמפט ווי אַ ריז קעגן זיינע שונאים. אין דער צייט פון קאמף זוכט דער ווינט אַרויפ־צובלאָזן אַ שטיק וואָלקן אויף דעם שטראָם פייער וואָס האָט זיך פריער באוויזן, אָבער יעדעס מאָל וואָס דער שטראָם ווערט כמעט צוגעדעקט, טוט אַ דונער־קראַך און דער בליץ צערייסט דאָס שטיק וואָלקן, צוגעבנדיק קראַפט צו תמוז'עס אָרעמס. דער קאמף באַטשייט פון ריטמישע באַוועגונגען אין דער לענג פון אַ באַשטימטן שטח, זיי וואַרפן זיך שטורעמדיק איינער קעגן צווייטן, בלייבן שטיין אָפּגעהאַקט איינזאַפּנדיק די לופט, און מיט אַ דרוק פון ביידע פויסטן קלאַפּט איינער אָפּ דעם צווייטן פון פּלאַץ, באַשאַפּנדיק איין אָפּ־קלאַנג אין דער לופט. אַזוי האַלט אָן דער קאַמף, ביז דער שטראָם פאַרשווינדט, און תמוז פאַלט טויט).

(ניפּור און וואול הייבן אים אויף און שליידערן אים אַראָפּ פון אונטער דעם פעלז. עס דערהערט זיך קלעפּ פון שטאַרקע פליגל, און אַ מעכטיקער פויגל באַווייזט זיך. די געטער פאַרשווינדן אומ־רואיק, און דער פויגל שטעלט זיך אויפ'ן פּלאַץ, וואו זיי האָבן תמוז'ן געטויט. ער ברומט אויס פאַרטויבטע שטורם־סיגנאַלן, און אַ טרויער־געזאַנג פון אומענדלאַכער וויים וועבט אַרום דעם פעלז מיט דעם טרויער פון דער נאַכט.

מיטן געזאַנג מישן זיך אויס אָפּגעהאַקטע ווער־טער, וואָס קומען פון ערגעץ אומבאַשטימט):

אישטאַר,
אישטאַר...

אין אראלו, אין וועלט פון קיין צוריקקער,
ליגט איצט פאַר'חתמה'ט
דער שטאָלץ
פון דיינע טרוימען...

(דער פויגל באוועגט זיך אין קלאנג פון די ווערטער).

(פאָרהאַנג).

צווייטער אַקט

(די הייל פון אראלו.

די קאַלאַנאַדע צו דער לינקער זייט און די טונקעלע לעבער און סודות'דיקע טויערן אין פאַרשיידענע זייטן, געבויט ווי איין אַרקאַדע, דערציילן פון אַן אונטערערדישן לאַבירינט.

אין דער רעכטער זייט, צווישן צוויי מאַסיווע קאַלאַנען, וועלכע זיינען אויסגעהאַקט אין פאַר־שיידענע פאַנטאַסטישע פיגורן, ענלאך צו דראַ־קאַנען, הענגט ווי אין דער לופט אַ פירקאַנ־טיקע שטול, געבויט ווי אַ טרעפּיקער פּיראַמיד מיטן שפּיץ אַראָפּ, אויף דער פלאַך פון אי־בערגעקערטן הענגענדיקן פּיראַמיד שטייט אויף די קני אלול, די הערשערן פון אראלו, די הענט פאַרלייגט אונטער די בריסט, און קוקט צו, איבערבויגנדיק מיט ווילדן דורשט, צו דער פּראָצעסיע, וואָס גייט אָן אונטן.

די גאַנצע וויזיע איז דורכזיכטיק, ווי דורך אַ טונקל שפּיגל רויטער שיין אָדער ווי דאָס ליכט פון דער זון דורך אַ געדיכט טונקל־רויטער גלאָז.

דער רויטער אָפּשיין ווערט אויך ניט פאַרטושט אויף די אויסטערלישע פיגורן, וועלכע באַוועגן זיך אין דער פּראָצעסיע, טראָגנדיק תמוז'עס קערפּער, פאַרגליווערט, אויף אַ קיילעכדיקער דעק.

דאָס באַוועגן זיך מיט און אַרום דעם קערפּער

איז געצויגן מיט אַ שווערן ריטם פון סאַדיזם־טאַנץ, באַגלייט מיט קרומע הויות און אויס־טערלישע קלאַנגען. פלוצלונג טוט אַ גריליץ, און סקריפּענדיק שווער, עפנט זיך איינער פון די טויערן.

די אַרקע אין טויער איז טונקל־בלוי, פון ביידע זייטן זעט מען צוויי פּעסט־געבויטע משונה'־דיקע פיגורן, ענלאַך צו דראַקאָנען, וועלכע האָבן צעעפנט די טויערן. באַלדביים טויער פאַלט צו דער ערד דער אַריינלויפנדיקער וועכטער, און די פּראָצעסיע שטעלט זיך אָפּ).

אלול: (טוט אַ ציטער און שרייט אויס ווילד) וואָס איז דאָרט געשען?

וועכטער: (אומבאַשטימט) זי...

אלול: מאַך לויז מיין נייגיר, רעד מיט ווערטער.

וועכטער: אישטאַר...

גייסטער: (פאַרציען דעם אָטעם אין שרעק).

אלול: דיין פלאַץ ביים טויער איז קיינעם ניט אַריינצו־לאָזן.

וועכטער: זי זאָגט, זי וועט דעם טויער אומוואַרפן.

אלול: (שרייט) האַלט דיין פלאַץ ביים טויער!

(וועכטער פאַלט צו דער ערד און פאַרשווינדט שנעל).

אלול: און איר וואָס זענט פאַרשטעקט געבליבן?

שלעפּט דעם פּגר אום.

איך קוועל פון נאַגעניש,

דורך ציטער...

און דורך רעגונג...

אָט אַזוי...

אַט אַזוי...
שטאַרקער...
צעגליט אַביסל...
שטאַרקער!

(די פּראַצעסיע רירט זיך וואָס אַמאָל מיט אַ גרעסערער טעמפּאָ, ווען זיי דערגרייכן דעם העכסטן עקסטאַז, דערהערט זיך אַ פּאַרטויבטע געקנאַלערײַ. דער טויער פּראַלט אויף, און דער וועכטער פאַלט צו דער ערד).

אלול: (שפּאַרט זיך אָן פּעסט מיט אירע הענט אין דער פלאַך, איר דרייעקיק געשוואָלענער פּנים נעמט אָן נאָך מער רציחה, גלאַנצנדיק מיט ווילדן כעס צו אים די אויגן, ווי שטעכעדיקע שפּיצן).

נו, זאָג! וואָס נאָך האָסטו געבראַכט...

וועכטער: זי האָט דעם צעדערבוים אַרויסגעריסן, גיב מיר הילף, דו הערשערן פון אַראַלו, אָדער זי פאַר־ניכטעט דעם פאָדער־זיגל און קריגט אַ פרייען וועג צום אַריינגאַנג אין די טויערן.

אלול: כאַ־כאַ־כאַ... כ'וועל איר איינשפּאַרן די מי... אַריינצוגיין זיינען ברייט די טויערן... כאַ־כאַ־כאַ, דו הערסט?

עפן ברייט די טויערן, אַזוי האָב איך באַפוילן!

וועכטער: (לאָזט זיך לויפן איינגעבויגן).

אלול: ווארט... ווארט... לאָז מיך הערן, צי געדענקסטו דאָס געזעץ פון אַראַלו?

וועכטער: דו באַפעלסט דאָך, הערשערן, צו עפענען די טויערן...

אלול: יאָ, יאָ... און וואָס דאַרף מען טאָן, אַז מען טרעט אַריבער די טויערן פון אַראַלו?

וועכטער: פאַר יעדער טויער פון דיין קעניגרייך מוז דער, וואָס קומט, אַרונטערוואַרפן איינס פון זיינע קליידער, הערשערן פון אַראלו.

אלול: אַזוי האָב איך באַפוילן...

וועכטער: (פאַלט צו דער ערד און פאַרשווינדט).

אלול: (צו די, וואָס טראָגן תמוז'עס מטה)

אַזאַ מין טיפן קוועלן מיר צעשטערט.
אַז צעשטערט און צעקרימט זאָלן אירע גלידער ווערן.
אויפגעבלאָזן זאָל זי ווערן, ווי דער באַרג פון דריקנ-דיקער לאווע.
אָנצינדן זאָל זיך אין איר דאָס איינגעווייד,
און אירע ביינער זאָלן ווייך ווערן ווי טייג,
און זאָל די הויט אויף איר צעפּלאַצן, און באַדעקט ווערן מיט קרעץ!...
נאַ! וואָס שטייט איר מיטן פגר...
טראָגט אים שוין אַרויס,
און ברענגט דעם פעסט-פאַרגרייטער.
רירט זיך!...
אַזוי האָב איך באַפוילן...

(ווען זיי הייבן זיך אָן באַוועגן, הערט מען ביים טויער אישטאַר'ס שטימע).

אישטאַר: דאָס לעצטע קלייד, וואָס דעקט מיין קערפּער צו... הא, ווי דאָס טונקלקייט פון דער הייל פאַר די, וועלכע קומען פון דער ליכטיקייט, אַזוי זאָל אויסלעשן דאָס ליכט פון אייערע אויגן. ביי דער אַנטבלויזונג פון מיין ווייסן לייב, וואָס איז מיט דער ליבע פון תמוז אויסגעלעגט געוואָרן יעדן פרימאָרגן מיט די שטראַלן פון דער זון...

וועכטער: זיבן טויערן זיינען דאָ, און זיבן קליידער דאַרפסטו אויסטאָן.

דאָס איז דער באַפּויל פון אלול דער הערשערן פון אראלו.

(אישטאַר טוט א ברום פון ווייטיק, וואַרפט אראָפּ דאָס העמד און בלייבט שטיין ביים טויער מוטער־נאַקעט, בלויז די גאָלדענע לאַנגע האָר דעקן טייל־ווייז צו איר קערפּער, ווי דורך א וואַל. זי דער־זעט תמוז'ן און טוט זיך א וואָרף צו אים, פאַלנדיק אויף איין קני, געבויגן דעם קאָפּ, און וויינט).

(די באַוועגונג מיט תמוז שטעלט זיך גלייך אָפּ).

(אלול שפּרינגט אויף און פאָלגט נאָך יעדע קלענסטע באַוועגונג פון אישטאַר).

אישטאַר: מיין מאַן...
באַשאַפער פון ווילן און לעבן אין מיר...
מיין מאַן...
דו באַאַשעפר פון פרייד...
דו, וועלכער דרינגסט דורך
מיינע אברים מיט דער זיסקייט
פונ'ם שטראָם, פון פאַרזייען און אויפגיין,
ווערסטו זיך נאָך אַנטפּלעקן פאַר מיר?
איך וועק דיך אָן אויפהער, מיין ליבער.
מיינע חלומות זיינען אָנגעפילט
מיט דערוואַרטונגען נאָך דיר.
שפּרייט נאָך אוים א שטראַל
פון וואַרימקייט איבער מיין בעט.
דאָס לעבן וואַרט אויף דיר.
דאָס לעבן...
(יאָמערדיק) וויי און וויי,
אומגעקומען איז דער פּאַסטוך,
דער מוטיקער... דער העלדיעשר,
פאַר וואָס?...
פאַרוואָס האָבן זיי אים געטויט,

דעם ליכטיקן, דעם ליבן.
ווער וועט אַנזאָגן פון היינט
דער וועלט די בשורה פון פרימאָרגן?
ווער וועט מיט זון-אויפגאַנג נאָך וועקן
די שאָף און רינדער
צו פיטערן אויף די פעלדער?
און ווער ווע טאויסוואַרמען די זאמען
און דעם בויך פון דער ערד?
ווער וועט וועקן דאָס געמיט
צו טאַנצן און צו שפּילן?
הא, ווי שווער דיין דרימל פאַלט
אויף די בערג און אין די טאָלן (וויינט)
(פאַררייסט דעם קאָפּ און שרייט מיט פאַרוואורף)
האַ, איר שטומע בערג און בלינדע טאָלן,
וועלכע שאָטנס האָבן אייך באַדעקט,
פאַר וואָס האָט איר, פאַרשאָלטענע, געשוויגן?
צוגעשטימט מיט נאכט, און קיינעם ניט געוועקט.
זאָל אויף אייך פון היינט
דערפאַר ניט בליען מער דאָס לעבן,
נאָר אונטער שווארצע שאָטנס
זאָלט איר יוירן ווי אין הייוון.
הא, דו ליבער מאַן פון מיינע וועלטן,
אישטאַר'ס ליבע וועט דיר לעבן ברייננגען.
אָדער ברענגען טויט!
מיט מיר דער גאנצער ערד...

אלול: (שפּאָטיש) כאַ-כאַ-כאַ, אינם לעבן אויף דער ערד איז דער גהינום ניט אין חשבון...
כאַ-כאַ-כאַ, טו אַ געפעליקייט און ברענג דעם טויט וואָס שנעלער.

אישטאַר: (שטעלט זיך, באַטראַכט א ווײלע די הער־
שערן, און זאָגט) כ׳באַפעל דיר אַראָפּצוגײן פון דאָרט
און פּרואוון דײן גבורה, שטײענדיק בײ מײן זײט!

אלול: אין אראלו האָב איך נאָר צו באַפעלן,
און מײן באַפעל אצינד איז: טראָגט אַרוים דעם פּגר!
טראָגט אים... אָט אַזוי...

(א טויער אין דער רעכטער זײט עפנט זיך און
אַלע פארשווינדן, א חוץ אישטאַר, אלול, ווערכטער).

אישטאַר: (שרײט) כ׳באַפעל דיר פּרואוון דײן גבורה בײ
מײן זײט!

אלול: אַז דו שרײסט שוין יאָ,
זאָל דײן געשרײ אומזיסט ניט זײן.
(צום ווערכטער): צי שלאָפט ער דאָרט, צי דאַרף ער
ערשט דאָס אַש באַשאַפן.

ווערכטער: אָט קומט ער,
ווי דו זעסט אים דאָרט,
דו הערשערן פון אראלו.

(פון דעם טויער, וואוהין מען איז פארשוואונדן
מיט תמוז׳ן, קומט א טונקעלע משונה׳דיקע פיגור,
נאַמטור, דער גאָט פון פעסט).

אלול: ניט געטראַכט
און ניט געפרעגט,
און ניט געקוקט...
טו דײן רעכט צו איר.

נאַמטור:

(הייבט אויף א טאַץ, פון וועלכער ער
בלאָזט אראָפּ א מין שטויב אויף אישטאַר׳ן).
(אישטאַר׳ס קערפּער ווערט באַדעקט מיט קראַנק־
הייטן, זי קוקט ארום איר קערפּער א ווײלע און
זינקט צו דער ערד דעם קאָפּ געבויגן).

אלול: (שפרינגט אַראָפּ האַסטיק און שטעלט זיך נעבן אישטאַר'ן.) די קעניגן פון אַראלו שטייט דאַמאָלט נעבן דיר, ווען דיין קאָפּ איז געבויגן צו אירע קני.

אישטאַר: העי, איר נאַראָנים פון פינצטערניש,
איר האָט געאיילט און האָט פאַרגעסן, אַז אישטאַר
וועט צוריקציען דאָס לעבן פון דער ערד,
וועט אויך פעלן דער שפּיל
פאַר אייערע ווילדע באַגערן.
איר אליין וועט אָנבויגן די קעפּ פאַר מיר,
איר, נאַראָנים פון פינצטערניש.
איר האָט א שלעכטן וועט געמאַכט,
איר וועט פאַרשפּילן.
(פון אַלע זייטן הערט זיך א קלאַנג פון ווילדן געלעכטער, זינגענדיק ווייט אין דער טיף...)

(פאָרהאַנג).

דריטער אַקט (אינטערלוד)

(די ערד. נעפּלדיק, גרוי, ווי דער אומעט אַליין. אין הינטערגרונד, אַ פּערספּעקטיוו פון אַ טעמפּל. דורך אַן אָפענעם קאָלאָנען־פּאָר־מיגן פּאַלאַץ, נעבן וועלכן עס איז איינגעוואקסן אַ סטאַטוע פון אישטאַר צו דער לינקער זייט, און אין מיטן אַ שטיינערנער אַלטאַר.
אין דער שטול זיצט פעסט דער הערשער פון לענדער, וואו דער אישטאַר־קולט איז געווען פאַרשפּרייט. אַ פּאָר טרעפּ נידריקער פאַרן הער־שער ליגט אַ מאַן, געבויגן אויף די קני, קוים וואָס די ביינער האַלטן זיך אין זיין הויט. נעבן מאַן — צוויי באוואפנטע זעלנער, וועלכע קוקן אויס ניט ווייניקער אכזריות'דיק ווי זייער הערשער. פון ביידע זייטן שטייט אַ באוואפנטע שוץ).

הערשער: אין מיין לאַנד, אַזוי ווי ביי מיינע עלטער־עלטערן, זאָל הערשן פרידן און גערעכטיקייט.
ווי ס'זאָגט דער פּריסטער נעבו־נעדיאום.
דאָס איז די לערע פון די הייליקע געטער.
און איך וועל אויסראָטן די זינדיקע,
אַפילו ווען כ'זאָל דאַרפן בלייבן איינער אויף דער ערד.
(צו די צוויי זעלנער): וואָס זאָגט איר, האָט ער גע'טענה'ט פאַר די בעטלער דאָרט?

איין זעלנער: ער האָט געררייצט זייער הונגער צו די קעניגלאַכע אוצרות געזאַמלטע־שפייז. דאָרט האָט ער געזאָגט, איז געבליבן געגוג שפייז, זאָלן מיר גיין און זיך צעטיילן....

הערשער: נו, צי דאַרף מען דען נאָך קלערן, וואָס די שטראָף זאָל זיין?
נעמט אים גלייך אַראָפּ פון דאַנען.
הייסט דעם שפייז־פאַרגרייטער אָפּבראָטן א קאַלב,
און די בעסטע שפייזן און געטראַנקען פאַרטיק מאַכן,
אים זאָל מען צובינדן צום עק טיש, אַזוי ער זאָל
גאָר ניט קאָנען דערלאַנגען.
און זאָל דער בעטלער פילן, מיט וואָס עס שמעקט
די קעניגלאַכע שפייז.

(די זעלנער הויבן אים אויף פאַר די אַקסלען און טראָגן אים אָפּ, ווי מ'טראָגט אָפּ א נבלה. אויף זייער פּלאַץ שטעלן זיך אַנדערע צוויי זעלנער, מיט א יונגער פרוי, וועלכע זעט אויס ניט ווייניקער פאַרהונגערט ווי דער מאַן, וועלכן מ'האָט אוועק־געטראָגן).

הערשער: צו וואָס ברענגט איר זי, די פּגרים. איז שוין נישטאָ קיין געזונטערע צווישן די פאַרברעכער?
(פון צווישן דער וואַך רוקט זיך אַרויס דער פּריסט נעבו־נעדיאוס, אַרויפשטעלנדיק א פוס אויף דער אונטערשטער שוועל).

פּריסט: (סאַרקאַסטיש) די שטאַרקע פאַרטיידיקן זייערע פאַרברעכנס מיט זייער פויסט, אפילו קעגן דער שווערד פון דיינע היטער.
צום משפט קאָנסטו נאָר גרייכן,
דעם שוואַכן, דעם אָרימען, דעם אויסגעהונגערטן.

הערשער: געווען אַמאָל אַ צייט, ווען צווישן די בעט-לער זיינען אויך געווען שיינע געזונטע מיידלאַך. דאַ-מאָלט האָבן זיי וויינִיקער באַגערט די שקלאַפן.

פריסט: וואָס באַגערן זיי דען איצט? מער ווי זאַט צו מאַכן דעם מאַגן, און דעם קערפּער צוצודעקן?
געווען אַמאָל אַ צייט, ווען צווישן פאָלק זיינען אויס-געוואַקסן די פּרוכטבאַרסטע טעכטער. דאַמאָלט האָט זיי אָבער זייער קעניג ניט גערופן בעטלער, נאָר — קינדער. קינדער האָט דיין פאָטער גערופן זיין פאָלק, קינדער, שטייט פאַרשריבן. קינדער איז אויסגעקריצט אין די העלדישע שריפטן, ניט קיין בעטלער.

הערשער: אויף די הייליקע שטיינער שטייט פאַר-צייכנט:
ווער ס'קאָן קיין האַר ניט זיין,
דער בלייבט אַ קנעכט,
און אַ קנעכט איז ווערט אַזוי פיל,
וויפיל נוצן ער ברענגט פאַר זיין האַר.
און נוצן קאָנען די ברענגען איצטער,
וועלכע קאָנען אין מלחמה גיין.

פריסט: וועמען וועקסטו צו מלחמה? סקעלעטן, וואָס האַלטן קוים די ביינער צוזאַמען.
און צי ווייסטו ניט ,אַז אין די לענדער אַרום, הערשט אויך דער הונגער.

הערשער: וועמען אַרט עס, וואָס זיי וועלן אין יענע לענדער אויך ניט קריגן וואָס צו עסן.
כ'שיק זיי אַהין, זיי זאָלן אין מיין איבערזעטיקייט פאַרגעסן.

פריסט: געדענק, דו האַר, און הערשער, אַז די געטער וועלן אומקערן צו אונז, און די פעלדער וועלן עפענען

זייער טראַכט. דאַמאָלט וועסטו זיך נויטיקן
אין די הענט, וואָס דו רופסט שקלאַפן. אָבער זיי וועלן
נישט זיין.

הערשער: וואָס-זשע ווילסטו?

פריסט: כ'וויל זאָלסט עפענען די אוצרות שפייז פאַר
דיין פאָלק. גיב זיי עסן און זאָלן זיי כח האָבן צו
בעטן צו די געטער, אפשר וועלן זיי פאָרט דערהערן.

הערשער: ווילסט זיי געבן געטער. גיב זיי. פון מיינט-
וועגן קאָנען זיי ביים שוועל פון די געטער אויסהויכן
זייער אָטעם.

אָבער אוצרות שפייז איז צוגעגרייט פאַר האַרן.
קנעכט ריזען אויך א ביין,
ווען ס'איז דאָ געננוג פון טיש אַראָפצוואוואַרפן.

פריסט: און איך זאָג דיר, אז כ'האָב די גאנצע מחנה
אָפגערעדט פון מלחמה, און אָנשטאָט באַפאַלן לענדער,
ווי דורשטיקע חיות, וועלן זיי מיט ליבע צו די געטער
בעטן נאָך הילף.
דו האָסט איצט איין ברירה, דו אליין זאָלסט באַפעלן
צו עפענען די שפייזלער פארן פאָלק, אָדער דאָס חייל
וועט דאָס טאָן נאָך מיין באַפעל.

הערשער: (אויסער זיך) כ'וועל באַפעלן, ווייסטו וואָס?
מ'זאָל פאַר דיר פארגרייטן די זעלבע סעודה, ווי פאַר
דעם בעטלער, וואָס איז געשטאַנען דאָ, פאַר דיר!
(צו די וועכטער) נעמט אים גלייך אוועק פון דאַנען!
(צוויי וועכטער פירן אָפ דעם פריסט)

הערשער: (צו די צוויי, וואָס האַלטן די פרוי) און איר,
מאַכט עס קורץ. וואָס איז איר פאַרברעכן?

ערשטער וועכטער: מיר זיינען דורכגעגאנגען דעם
לינקן פליגל אויפ'ן וועג צום צוועלפטן טויער,
דערשמעקט איך דעם ריח פון געבראָטענע פלייש. איך

שטעל זיך אָפּ און פרעג ביי אים: דו פילסט? ער טוט א ציִ אַריין דעם אָטעם און זאָגט אַרוים: פלייש! געבראָטן פלייש. ווייסן, ווייסן מיר, אַז אַחוץ די אָנ-געזאַמלטע בהמות פון קעניג׳ס אוצרות זיינען שוין אַלע אויסגע׳פּגר׳ט פון הונגער. פרעג איך: פון וואַנען נעמט זיך פלייש? זאָגט ער: מסתם אָפּגעטריבן פון די זאַמל-פלעצער, און מיר גייען נאָך דעם ריח.
אַריין צו דער דאָזיקער אין געצעלט און מיר זאָגן: ביי דיר שמעקט געבראָטענע פלייש. און זי, ווייזט אוים, האָט דאָס לשון פארלוירן.
זי רעדט ניט. אַפילו די אויגן זיינען ביי איר שטומע.

הערשער: וואָס טויג די לאַנגע קלאָג. וואָס האָסטו דאָרט געפונען?

צווייטער זעלנער: אַ פּאָר פארברענטע פיסלאך פון אַ קינד.

(הערשער באַלעקט זיך, גערייצט פון אַפּעטיט)

ערשטער זעלנער: יאַ, פון אַ קינד. ווייזטאוים, איר אייגנס.

הערשער: (שטעלט זיך אויף) אַז דו האָסט שוין יאַ געמאַכט אַזאַ טייער מאכל, ביזטו ניט קראַנק געווען דעם קעניג איינצולאַדן צו דער סעודה.
איר קומט דערפאַר אַריינצוואַרפן אין דער שטייג פון די הונגעריקע לעמפּערטס. די לעמפּערטס וועלן איר די פים ניט לאָזן.

(אַ דינער לויפט אַן שנעל און פאַלט פאַר די טרעפּ זיך בוקנדיק).

הערשער: (אומגעדולדיק) וואָס? רייד!!

דינער: דאָס גאַנצע חייל אַרומגערינגלט מיטן הונגעריקן פאָלק גייען בעטן צו דער געטין אישטאַר.

הערשער: ווער פירט זיי?

דינער: מ'זאָגט דער אַלטער פּריסטט.

להערשער: (קוקט אין דער ריכטונג, וואו מען האָט אָפּגעפירט דעם פּריסטט, באַפעלט צו אייניקע פון דער וואַך) פירט זי באַלד אָפּ און ברענגט דעם פּריסטט באַלד צופירן.

(ס'הערט זיך אַ ווייטער געפילדער אויסגעמישט מיט היסטערישע אויסגעשרייען, וואָס צעגרילצט און צעשניידט די לופט, ווי איין גרויסער ברומען פון איין אומגעלומפּערטן מאַנסטער.
די וואַך שטעלט זיך ענגער ארום קעניג, ווען די כוואַליע פון פאָלק באַווייזט זיך נאָענט צום פּאַ-לאַץ, שטייט שוין דער פּריסטט ביי דער זייט פון קעניג).

הערשער: דו זעסט, דו אַלטער נאַר, האָסטו געדאַרפט זיך בייזערן? מיט דיר האָב איך אַ שפּאַס געמאַכט, און דאָרט האָב איך באַפוילן די טויערן פון די שפּייזן-זאַמלער אויפצועפענען, און דאָס פאָלק קומט דאָרט מיט געזאַנג, מיט פרייד דעם קעניג צו באַגריסן.

פּריסטט: זייער זיפצן און קרעכצן האָט אַזוי מיר אָנגע-קלונגען אין די אויערן, אַז אויך איצטער, ווען דו זאָגסט זיי זינגען, ווייזט זיך מיר אויס, אַז איך הער זיי ברומען פון פאַרצווייפלונג.

הערשער: שטאַרק זיך, אַלטער, זאָג זיי אָן די בשורה, אַז דער קעניג האָט די שפּייכלער אויפגעעפנט, נאַר פריער דאַרף מען בעטן, הונגעריקערהייד איז די תפילה שטאַרקער.

פּריסטט: זיי האָבן דאָך שוין מער קיין כח.

הערשער: (בייז, צווישן די ציין) טו, ווי איך באַפעל!

פּריסטט: (צום פאָלק און חייל, וואָס איז שוין ביים שוועל פון פּאַלאַץ, אויסגעמישט אין אַ היסטערישער מאַסע פון

מענער, פרויען, קינדער, געשוואָלענע און אויסגעטריקענטע) זייט געבענטש, הונגעריקע שעפעלאך מיינע, אָט אַזוי ווי מיר שטייען איצט מיט אונזערע פאַרקלעמטע הער־צער, לאָמיר צופאַלן צום גליווער פון דער געטין, וואָס דערוועקט פון אונזער צויבער, פון באַגער און האפער... די ערשטע סעודות נאָכ'ן געבעט וועט דער קעניג געבן ביז אישטאַר וועט רחמנות האָבן און וועט באַפרוכ־פערן צוריק די פעלדער...

(דאָס פאָלק וואַרפט זיך יאָמערנדיק און הילפלאָז צו דער סטאַטוע פון אישטאַר).

(פּריסט פאַרלאָזט די טרעפּ און פאַרנעמט א פּלאַץ נעבן דער סטאַטוע).

הערשער: (נוצט אוים די געלעגנהייט, בלייבנדיק אליין אויף די טרעפּ, און באַעפלט דער וואך)

צעשפרייט אייך שוין צווישן חיל און רוימט זיי איין, אַז פאַרן חיל אַליין איז דאָ גענוג שפּייז פאַר טויזנט סעודות.

פאַרן גאַנצן פאָלק וועט אָבער נאָר זיין גענוג פאַר א מאָלצייט מיט א האלבן.

ווער ס'וויל זיך טיילן מיט די בעטלער, זאָל דאָרט בלייבן.

און ווער ס'האָט דעם חשק אַנגעוואוירן, זאָל אומקערן צו מיר!

(די וואך פאַרשווינדט צווישן דער מאַסע, וועלכע ליגט צו דער ערד געבויגן די קעפּ).

(דער פּריסט רעדט שאַרף שניידנדיק און געצויגן, און נאָך יעדער פראַזע, וואָס ער ברומט אויס, כאַפּט דאָס פאָלק אונטער מיט א יאָמערלאכן גע־וויין, ווי צו באַשטעטיקן, אז זיי שטימען איין מיט די ווערטער פון זייער דערלייזער...).

פּריסט: (פאַררייסנדיק דעם קאָפּ) צו גרויס איז די שטראָף פון די געטער איבער די קינדער פון דער ערד. — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ווענדן מיר צו דיר אונזער רוף,
דו געטן פון באַפרוכפּערונג — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

קער אום דאָס לעבן אויף דער ערד — — — — — —
אַזוי ווי דאָס געוויין פון די אויסגעטריקנטע טעכטער,
אַזוי וויינען מיר פאַר דיר, זאָלסט אונז פאַרהיטן פון אונטערגאַנג — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

שפּרייט אויס דיינע פליגל פון אַ געטרייער מוטער איבער דעם אָפּגרונט, וואָס קומט אונז אַנטקעגן — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

מיר וועלן דיר ניט אויפהערן
דינען מיט דער געטריישאַפט
ווי מיר האָבן עס געלערנט פון
אונזערע עלטער-עלטערן — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָ ברענגען דיר דיינע קינדער אַ צייכן
פון דינסט, נעם אים צו און ענטפער אונז.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

(ער וויינט ביטער מיטן געיאָמער פון פאָלק).

(דאָס געוויין האַלט אָן אַ לאַנגע ווײַלע, ביסלאַכווייס ווערט דאָס געוויין פאַרקילט ווי פון זיך אַליין אין אַ שטילקייט פון האָפנונגען....).

(דער פּריסט הויבט אויף דעם קאָפּ, ווייזט אַ צייכן מיט דער האַנט. פאַר דער סטאַטוע באַווייזן זיך אַ רינג יונגע בחורים און מיידלאַך.

באַלד קלינגט אָפּ אַ קלאַפּ אין אַ שווערן מעטאַל

פון דער זייט פון טעמפל. די בחורים ווארפן מטבעות אין די פאַדערליקס פון די מיידלאך. אויף דעם אלטאר ווערט אָנגעצונדן די געווירצן איינגענעצט אין שמעקעדיקע בשמים, אַזעלכע אַראָמאַטישע אוילן, וואָס ווערן אויך באַנוצט פאר דער באַלזאַמירונג.

ווען דער רויך הויבט זיך אויף, רירט זיך אויך דער רינג פון די מיידלאך און בחורים, נאָך דעם קלאַנג פון פאַרשיידענע שפּיל־כלים.

דער טאַנץ באַוועגט זיך ארום דעם אַלטאַר אַלץ שווערער און שווערער.

פון דער ליגנדיקער מאַסע הערט זיך אַ מין זשי־פּעניש, ווי דער איבערברוך פון אַ שווערער קראַנקהייט.

דער טאַנצנדיקער רינג ברעכט פּלוצלונג איין צו דער ערד, און ווי שלאַנגען פאַרמירן זיי פון זיך אַ קייט פון ווימלעניש און פויזעניש, זיך וויקלענ־דיק איינער אינם צווייטן אין אַ שטראָם פון וועקנדיקער וויבראַציע.

און ווי פון דעם זעלבן שטראָם, הויבט זיך אויף די מאַסע דורכגענומען פון באַוועגונג, פאַרשטעלנ־דיק דערביי דעם רינג ארום אַלטאַר. די קלעפּ און קלאַנגען פון די כלים ווערן אויסגעמישט מיט דעם קאַשמאַר און קרעכץ פון דער באַוועגונג. עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי די פּראָצעסיע וועט ניט אויפהערן, ביז די בראָנזענע געטין וועט ניט געבן דעם ענטפער אויפן אָרט. אָבער אַ פּלוצלאַכער דונער געשריי פון אַן אָנפאָרנדיקן רייטער ברעכט איבער די עקשנות. די מאַסע זינקט צו דער ערד. און דער רייטער שרייט אויס:

די מדבר שבטים האָבן דורכגעבראָכן דעם מערב'דיקן טויער און זיי פאַרדאַרבן אַלץ אין זייער וועג, אַזוי ווי דער הונגעריקער היישעריק!

הערשער: (באַווייזט זיך אויף דער פּלאַטפאָרמע פון פּאַלאַץ) הערט מיך אויס, איר דינער צו אישטאַר, אייער קעניג האָט אייך קיינמאָל ניט פאַרווערט צו בעטן.
ניט אַלע צייטן אָבער זיינען פאַר געבעט.
מ'דאַרף אַמאָל מלחמה האַלטן, אַז מ'וויל ניט הונגערן.
האָב איך געוועקט אייך צו מלחמה,
און איר האָט ניט געפאָלגט.
זענט איר ניט באַפאַלן די, פון וועלכע עס קומט אונז אַ חוב, נאָך פאַר אונזערע עלטער-עלטערן...
זיינען זיי דערפאַר אייך באַפאַלן.
און איצטער וועלן זיי אייך אויסראָטן ביז צום וואָרצל.
ס'וועט פון אונזער שטאָט אפילו קיין זכר ניט בלייבן.
און דאָס איז נאָר דורך די זינד פון דעם פאַרבלענדטן נעבו-נעדיאוס. (ס'ווערט אַ טומל).
יאַ, דורך די זינד פון דעם אַלטן נאַר, וועלכער האָט מיט זיין קראַנקן ווילן אייך געוואָלט אַלע אומברייינגען אַלס קרבנות צו זיין געטין.
אפילו אָפּעסן האָט ער ניט דערלאָזט איך זאָל אייך געבן, איידער איר בעט צו זיין געטין. איז דאָס נישט אַמאָל אַן אָפּמאַך פון אים מיט די אַרומיקע שבטים, אייך צו פאַרטיליקן?
און דערפאַר האָט ער אייך אָפּגערעדט פון מלחמה...
(איייניקע דומפּע אויסגעשרייען): ל י ג נ ע ר ! ל י ג נ ע ר !

הערשער: איינער פון אונז איז דער ליגנער, שעמט אייך ניט און שרייט אוים אָפּ'ן קול.

אָדער איך בין דער ליגנער, און איר וועט אומקומען
פון די ווילדע נאָמאַדען,
אָדער ער איז דער ליגנער, און איך בין געקרוינט פאר
אייער פירער, און איך וועל אייך נאָך דערפירן צום
וועג, וואו איר וועט, ווי העלדן, אָפּטרייבן דעם היי־
שעריק, וואָס איז אָנגעפאלן אייך אויסצופרעסן, ווי די
מגפה פון פינצטערניש.

(ס'ווערט אַ געמורמל, שטופנווייז דערגרייכנ־
דיק מער אומרואיקייט).

הערשער: נו, וואָס שווייגט איר?! ס'איז נישטאָ קיין
צייט צו וואַרטן. די מדבר שבטים זיינען הונגעריק!
ענטפערט!

פריסט: און צו וואָס דען זאָלט איר שווייגן? זעט איר
ניט ווי דורך זיינע אויגן־לעכער שטעכן פייערדיקע
שפּיצן פון פארדארבונג?
און פילט איר ניט, אז דורך די רייד פון זיין מויל
פליסט גיפט, דער הונגעריקער אָטעם פון פאַרניכטונג.

הערשער: די מדבר שבטים זיינען הונגעריק!...

פריסט: זאָל דער מורא־האָבן פאר זייער הונגער, אונ־
טער וועמענס רוקן עס איז אָנגעזאמלט אוצרות מיט
שפּייז, וועלכע וואָלטן זאַט געמאַכט א פאָלק...

הערשער: די שפּייכלער זיינען אָפן פאר יעדן, וואָס
שליסט זיך אָן אין די רייען דעם שונא צו פאַרטרייבן!!

(דאָס חייל זאַמלט זיך אויטאָמאַטיש ארום דעם הערשער)

הערשער: אָט אזוי. כאַ־כאַ־כאַ, אָט אזוי, דער שטאָלץ
פון אַ פאָלק גליווערט ניט ביים שוועל פון אַ געטין.
אונזער העלדישקייט אויף די אויסגעקריצטע שטיינער
זאָלן דערציילן פון אונז, ווי פון דער גרויסקייט פון
געטער...
זאַמלט אייך אַרום! אָט אזוי...

(זעענדיק דאָס גאַנצע חייל אַרום זיך שרייט ער אויס)
דעם ערשטן חוב, וואָס קינדער פון אַ פאָלק זיינען שול-דיק, איז אָפּצוהיטן פרידן און גערעכטיקייט. אַזוי ווי ביי אונזערע עלטערן, און אַלעם וואָ סאיז פאַלש, זאָל פאַרברענט ווערן אויפן פייער. און אַזוי ווי עס רוי-כערן זיך נאָך די געווירצן אויפן הייליקן אַלטאַר, מוזט איר נעמען אָט-דעם ליגנער און פאַרפירער און אים פאַרברענען. פאַרברענען פאַר אַ קרבן (ווישט זיך די טרערן) פאַרן אויסגעהונגערן פאָלק, נעבאַך...

(דאָס פאָלק טוט זיך אַ הויב ווי אַ ברויזענדע כוואַליע).

הערשער: ווער ס'וועט זיך רירן פון אָרט, דער וועט גע-לעכערט ווערן ווי אַ הונט!

(פון חייל פליען אַרויס אַ פּאָר פּיילן אין דער מאַסע).

פּריסט: זיצט ביי דער ערד, מיינע שעפּעלאָך, די שלאַנג האָט געקראָגן די אויבערהאַנט. איך זע ס'קומט דער אונטערגאַנג... איך בין נאָר דער אויסרייד, דער תירוץ, מיט וואָס אייך אויפצורייצן, כדי ער זאָל קאָנען צע-שפּילן זיין בלוט-הונגער...

(אַ פּאָר באַוואָפנטע זעלנער האָבן אים אונטער-געכאַפּט באַלד נאָך די לעצטע ווערטער, און אַרונ-טעררייסנדיק זיינע קליידער, אים אַרויפגעוואָרפן אויפן פייער פון אַלטער.

די מאַסע רייסט זיך אָפּ פון דער ערד און דער-נעענטערט זיך צום חייל.

ס'ברעכט אויס אַ היסטערישער קאַמף פון ציינ-שטשירענדיקע באַשעפענישן).

הערשער: (צוקוקנדיק מיט ווילדער הנאה) כאַ-כאַ-כאַ,
געטער ברענגען דאַמאָלטן נוצן,
ווען זיי דינען זייערע האַרן.

ווערט דער דינסט צו זיי געווענדט קעגן הארן,
פרעגלען זיך די פריסטער אויף אלטארן. כא־כא־כא...
(די מערב'דיקע זייט פלאקערט אויף רויט)

איינער פון דער וואך: (וועלכער שטייט אויף א הויך־פונקט, שרייט) ...פייער, פארדארבונג קומט...
(פון אלטאר הערט זיך א צעוויימיקטע שטימע):

די ערד איז הונגעריק,
ס'פעלט דאס ווארימקייט פון דער זון.
די ליבע פון דער מוטער,
די ליבע פון דער מוטער...
און דאס אויפגיין פון דעם לעבן...

(די נאמאדן מישן זיך אויס מיט דער רייסענדער,
בייסענדער און ווארגענדיקער מאסע.
די הריגה נעמט אן דעם כאראקטער פון פארניכ־
טונג ביז דער ענד...)

(פארהאנג).

פערטער אַקט

(דאָס זעלבע פּלאַץ אַרום אַלטאַר. הורבעס פון טויטע קערפּערס ליגן אָפּגעבראָכן ווי זאַנגען נאָך אַ שרעקלאַכן שטורם. אַ טויטע אומבאַוועגלאַכע פינצטערניש וויקלט איין דאָס פּלאַץ.
אויפן אַלטאַר זיצן ב ע ל, א ד א ר, און נ י פּ ו ר. די פיס אונטער זיך, פּלייצע צו פּלייצע, פאַרמירנדיק אַ דריי־ווינקל, און באַוועגן זיך, וויגנדיק שווער פון גרוים אומעט... פון צייט צו צייט רייסט זיך אַרוים אַ טיפער זיפץ פון די איינזאַם־פאַרבליבענע געטער, אַזוי ווי דאָס שטומע וויגן זיך וואָלט שוין אָנגעהאַלטן זינט דורות און דורות...)
ו ו א ו ל זיצט אויפן קאָפּ פון דער סטאַטוע פון א י ש ט א ר, שאָקלט זיך אין אַלע פיר ריכטונגען און וויינט אָן אויפהער מיט אַ קלאָ־געדיקן געיאָמער...
נ י פּ ו ר האַלט אָפּ דאָס וויגן זיך פון צייט צו צייט און קוקט אומגעדולדיק ביז אויף וואולן. פּלוצלונג כאַפּט ער זיך אויף פון אַ שטאַרקן וויג און יויכצט אויס):
געָנוג! גענוג!...
לאָז דעם אָטעם כאַפּן... באַוויין מיך ניט...
(ו ו א ו ל ענטפערט ניט און וויינט).
ניפּור: (טוט זיך אַ פּאָר שטאַרקע וויג און שרייט ווידער אויף)
גענוג! גענוג!...

אדאר: ווײַנען זאָל ער... לאָז אים. ווי שטאַרקער ווײַן איז זײַן געווײן צו אונזער טרויער.
פאַרוויגן זיך... אײַנשלאָפן... איבערשלאָפן, וועט דאָך ווער אונז אויפוועקן אַמאָל.

ניפור: ווען-זשע וועט דער סוף שוין קומען?...

ב ע ל: דאָרט האָסטו געפרעגט דאָס אײגענע. וואָס גי-כער האָסטו געוואָלט דערנענטערן דעם סוף פון תמוז'ן... האָסטו דערגרייכט. וואָס ווילסטו איצט?

ניפור: לאנגווײליק... טויט... לאַנגווײליק איז אַזוי. נישטאָ מיט וואָס דאָס שפיל פאַרריכטן.

אדאר: האָסט געשפילט גענוג מיט אונז נאַראָנים, פײער האָסטו געוואָלט, האָב איך געברענט, האַסטאָך געהײסן ברענען, האָב איך געברענט גיב מיר מאָרגן ווען אָפּצוברענען, וועל איך פאָלגן, אַזוי ווי נעכטן (הונגע-ריק) און ווילסטו, קאָן איך דיך אַלײן פאַרברענען...

ניפור: לאנגווײליק... לאנגווײליק... ברען מיך אָפּ... נאָר זאָג מיר אָן דעם סוף.

ב ע ל: נישטאָ קײן סוף, יעדער סוף באַשאַפט מיט זיך אַ נײעם אָנהײב, און דו אַלײן האָסט צוגעאײלט דעם סוף צו ברענגען... (ביטער) וואַרט-זשע אויף אַן אָנהײב... וואַרט!

וואול: וואָס-זשע שעמט איר זיך? בײגט די קעפּ אַרונ-טער און וועקט אַלײן די טויטע אויף.

ב ע ל: אויב דאָס איז דער וועג, זײ דו דער ערשטער...

וואול: צי בין איך דען דער פאַרזאָגער...
האָט דען אלול שוין לאנג די טויערן ניט געעפנט פאַר אישטאַר מיט א געבויגענעם קאָפּ... און דו אַלײן דער-שמעקסט דעם אָנקום פון אַן אָנהײב... וואַרט מען... אויף וואָס?

בעל: מיר ווארטן ס'זאָל קומען...

ניפור: (ביטער) אליין דעם אונטערגאנג אויסבעטן...

בעל: ווי אַנדערש וועסטו אַ שפּיל טאָן אין מלחמה?

אדאר: און ווער דען נוצט נאָך מער מיין פייער אויב
נישט די, וואָס ליגן דאָ פאַרגליווערט.

וואול: נו, וואָס זשע שעמט איר זיך... וועקט אויף!

ניפור: זאָל שוין זיין אויפוועקן... זאָל שוין זיינען אָנ-
הייב... נאָר אַ סוף צום סוף!...

(אַ בלענדענדע ליכט פון אַ בליץ באַשיינט אויגנ-
בליקלאך דאָס פּלאַץ און אַ שטאַרקער דונער
פאָלגט נאָך. אַ שטימע אין דער לופט ענטפערט,
ווי דער אָפּקלאַנג פון דונער...)

ווארט... די עובדא צו וועקן איז פון די, וואָס זייער
אָנקום איז דער אָנזאָג פון אייער פאַרשווינדן...
צו אייער סוף...
און צום אָנקום פון דעם לעבן.

בעל: ס'איז ער...

אדאר: ווער?...

בעל: ער... אָט קומט ער דאָרט... באַוואַכן נאָך אַמאָל
דעם טאָג מוז ער זיך גרייטן (וויינענדיק אומבאַהאָלפן)
און ווידער וועלן מיר וויסטע וואָגלער זיין...

ניפור: (רעוועט) נישט אויף לאנג! דאָס קומט ער נאָר
די שפּיל פאַרגרייטן. אַ סעודה גרייט ער פאַר אונז צו...

שטימע: פינצטערניש, פינצטערניש, ווי שוואַרץ דו ביזט,
פאַר דער האָפנונג פון דיין מאָרגנדיקן ביסן, טרעטסטו
היינט אָפּ הינטערוויילאכטס מיט דער גרעסטער שרעק.
דו קאָנסט קיין סוף ניט ברענגען, ווייל דער לעצטער
שפּיל איז מיט מיר, און ווייטער וועט די ערד פאַרזייט
ווערן מיטליבע.
ווייל איך האָב זיך באַוויזן אויף דעם רוף...

(דורך דער פינצטערניש שניידט זיך לאנגזאם
דורך א שטראַל פון ליכט ווי דאָס אָנקומען פון
דער זון. ווען דאָס ליכט דערנענטערט זיך,
פארשווינדן די געטער מיט שרעק און מ'דערזעט
א י ש ט א ר ' ן מיט ת מ ו ז ' ן שפאנען
לאנגזאם איבער די הורבעס טויטע קערפערס.
פאַר דער סטאַטוע שטעלן זיי זיך אָפּ).

אישטאַר: דורות אומזיסטיקע.
דורות פאַרשוואונדענע דורך טויט.
ס'טוט מיר וויי פאַר אייך,
פאַר אייערע טרויעריק פאַרגאנגענע טעג.
איר האָט געליטן פון א שפּיל אַזאַ...
א שפּיל פון געטער איבער מענטשן.
וועקט אייך היינט דער גאָט פון לעבן,
דריקט אייך מאָרגן צו דער טויט...
און מיין עובדא איז צו וועקן,
וועק איך אייך:
שטייט אויף! שטייט אויף!!...
רירט זיך הונגעריקע ביינער!
שלינגט די זון אריין אין זיך!

(די טויטע קערפערס הייבן זיך אָן באַ-
וועגן. א י ש ט א ר און ת מ ו ז פאַר-
שווינדן אומבאַמערקט.
ווען ארום אַלטאַר האָט זיך אויפגעהויבן דער
רינג, זעט מען ווי פון די פאַרברענטע ביינער
פאָרמירט זיך צוריק דער קערפּער פון פּריסט.
דער רינג פאנגט זיך אָן צו באַוועגן טאַנצנדיק
די „ערוואַכונג“.
די שיין פון דער זון דרינגט אַזוי דורך, אַז עס
מאַכט דעם איינדרוק ווי די לופט ווערט מי-

טענווייז אָנגעפילט מיט בלומענדופט און גע־
שמאַקער פעטקייט פון דער ערד.
די מעטאַלענע כלים, וועלכע האָבן פאַרן אונ־
טערגאַנג אָנגעזאָגט די בשורה מיט די שווערע
טענער, קלינגען איצטער אַפּ ווי דאָס געזאַנג
פון פייגל אין פרילינגס־צייט, און אָנשטאָט
דאָס טרויעריקע זיפצן און קרעכצן הערט זיך
איצטער דער אויפגייענדיקער ציטער פון לעבן,
לעבן, און לעבן...)

ווער איז שולדיק?

אין דריי אקטן

(פון מיין סעריע ניט־באמערקטע טראגעדיעס)

כ אַ ר אַ ק ט ע ר ס:

נ ח מ י ה: קראַנקער שיכור.

ר ח צ י: זיין פרוי.

י ע פ י ם: זייער זון.

פ ל אָ ר אַ: זייער טאָכטער.

ש ט י י נ ב ע ר ג: פלאָראַ׳ס געליבטער.

י ר ו ח ם: רחצי׳ס ברודער. וואוינט אין אַן ארומיקן דאָרף.

ס אַ נ ק ע: 16 יאָר אַלט } ירוחמ׳ס קינדער, וועלכע לערנען
ב ר אַ ם: 12 יאָר אַלט } אין שטאָט.

מ ו י ש י ל: (צונאָמען—„נאָסאָראָג") יעפימ׳ס גוטער ברודער.

ש מ ע ר ל: גלאַט אַ איד.

ס ק ל אַ ר: דאָקטאָר פון שטעטל.

נ אַ ר ע ו ו י ט ש: אַ יונגערמאַן.

שטאָט-באאמטער, שכנים, פּאָליציי.

אָרט: רוסלאַנד.

צייט: 1912.

ערשטער אקט

(א באַלעבאַטיש חדר, כמעט מאָדערנע. אַרום 11 אַזייגער באַנאַכט.)

רחצי

(האַלט אין אַרויסנעמען פון אַ זאַק פּאַרקאַטשעטע וועש, כּלים מיט שמאַלץ, קאָמפּאָט, וועלכע זיינען איבערגעבונדן אין די ברעגעס מיט קאָלירטע בענדעלאַך; ווען זי הויבט אָן אַרויסצונעמען פּרוכט, טוט זי אַ שמייכל) היי, אַ בעלן דאַרף מען זיין... נאָך פּרוכטן... מילא אַביסל שמאַלץ איז אפשר ניט אַזוי פריש דאָ, אָבער פּרוכט?

ירוחם

און פּרוכטן איז טאַקע דאָס אייגנע, וואָס אין דאָרף? כ'מיין, ביז וואַנען ס'קומט צו אייער מויל, שווענקט מען פון זיי אַרויס דעם גאַנצן סאָק, מ'מאַכט זיי גלאַנצענדיק, אָבער אָן דעם... ווי האָט עס דיין פלאָרא געזאָגט, ווען זי איז ביי מיר געוועזן, בע, כע אָן דעם „זשעלעזאַ", אַ? איז טאַקע „זשעלעזאַ", ווייזט אויס, גאָר ניט קיין שלעכט מאכל, כע. הכלל, נו, (נעמט געלט פון קעשענע) נעם, רחצי, סט'ניט פאַרגעסן געבן דער חברה צו צוויי רובל, נאָר ניט מיטאַמאָל, הערסט? זיי קאָנען ס'נאָך מיטאַמאָל פאַרהוליען, דער גוטער יאָר זאָל זיי נעמען, צאָל זיי נאָך צו געלט, צאָל זיי. אנו, צי וועט עס אָפּזיצן אַ גאַנצע שעה אין שטוב, ווען דער טאַטע איז דאָ, ממזרים וואָס דאָס איז...

רחצי

זאָלסט אָבער זען, ווי זיי האַלטן אין די קליינע אותיו'לאַך!

ירוחם

א גליק, נו, ווען בראם זאָל מיר דאָ ניט דאַרפן גיין אין חדר, וואָלט איך זיי טאַקע צוליב דער שולע, מיינסטו, גע־האַלטן אין שטאָט?

רחצי

האָסט פּונקט דעם טאַטנ׳ס חשק, דיר צו לענגערע יאָר.

ירוחם

כ׳האָב שוין גראָד נאָך א קלענערן חשק צו שטאַמבירן זיי, וואָרים דער טאַטע, עליו השלום, האָט אוועקגעקוקט, ווען דו האָסט דיר געטאָן דיינס, ביי מיר אָבער איז וואָס מיין שלימע האַלט מיר אין איין דערקוטשען פון זינט דיין טאָכ־טער האָט איר איינגערעדט; אָבער ווייטער זאָג איך דיר נאָך אמאָל, אז כ׳וואָלט זיי ניט געהאַלטן אין שטאָט, וואָלט איך זיי!

נחמיה

(קומט שיכור) שוין אין כעס, נו, כ׳ווייס שוין, נו. אָבער אז...

רחצי

אָבער, אז וואָס?

נחמיה

איר פאַרשטייט, אזוי איז שוין, ווען ס׳איז דאָ א מענטש, פאַלט זי מיך אָן. לאָז איבער אויף אַן אנדערש מאָל. ס׳טו געזען...

ירוחם

כ׳ווייס ניט. מיין דאַרפישער קאָפּ פאַרשטייט, אז מ׳שעמט זיך יאָ, טוט מען ניט וואָס ס׳איז ניט שיין. נו, טאָמער וואָלטן מיר שוין געבעט. כ׳דאַרף אויפשטיין פאַרטאָג, כ׳קאָן מיר דאָ קיין יום־טוב ניט מאַכן.

נחמיה

מ׳וואָלט אַן׳אמת שוין געדאַרפט מאַכן נאַכט.

רחצי

כ'האָב ניט געוואוסט, צי דו וועסט קומען אַזאַ מידער. דיר, ירוחם, האָט מען שוין יאָ געבעט, גיי שוין טאַקע שלאָפן, גיי.

ירוחם

כ'וועל בלי-נדר אויפשטיין, ווען איר וועט נאָך שלאָפן. ס'טו שוין ניט פאַרגעסן, רחצי, אַכטונג צו געבן אויף מיינע ממזרים (אָפּ).

נחמיה

אַ טאַטע פאַרגינט זיך עס צו רופן אייגענע קינדער ממזרים.

רחצי

כ'וואָלט דיר עפּעס געענטפערט, נאָר צו-וואָס איבער'חזר'ן דאָס אַלטע? צו וועלכן? עטלאַכע און צוואַנציק יאָר האָב איך גערעדט, ווי גלייך צו דער וואַנט, און היינט וועט מיר שוין העלפן?..

נחמיה

טאַקע נו, דו זעסט דאָך.

רחצי

וואָס-זשע קומט מיר אַרויס, אַז כ'זע? מער צווזעצעניש!

נחמיה

פרעג צו-וואָס?..

רחצי

טאַקע צו-וואָס? כ'וואָלט געדאַרפט פריער שכל האָבן, אין אַ משוגעים-הויז דיך געוועזן געדאַרפט אַריינגעבן.

נחמיה

כ'וואָלט נאָך אַלעמען געוואָלט וויסן, וואָס טו איך דיר? פאַרקערט...

רחצי

פאַרקערט, אַז מ'וויל, קומט נאָך דיינעם נאָך דיר אַרויס. און ווי אַזוי זאָל דיר טאַקע ניט אַרויסקומען, אַז כ'האָב

צוגענומען באהבה אלץ, וואָס כ׳בין פון דיר אויסגעשטאַ-
נען—פריער, ווייל די קינדער זיינען קליין געווען און
איצט... (אין טרערן) וואָלט איך ניט מורא געהאַט, אז
כ׳וועל אונזער פלאָראַ׳ן שטערן איר לערנען, וואָלט איך
נאָך איצט ווי א הונט דיך איבערגעלאָזט.

נחמיה

איז דאָך... (דערזעט יעפּימ׳ען און בלייבט שטיל)

יעפים

(קומט אָנגעבלאָזן)

רחצי

איז דאָך! (ווייזט אויף יעפּימ׳ען) אָט האָסטו, וואָס ס׳איז.

נחמיה

נו, נו, ס׳אַ משל, יאַנקעל קאַפּאַנקעל.

רחצי

ניט קיין משל, אַ?

נחמיה

ניין, ס׳איז יאָ א משל? כ׳פרעג דיך, צי ס׳איז יאָ א
משל? (מיט א טאָן העכער) איז נאָך דיינעם קומט אויס...

רחצי

אז דער זון איז אזא משוגע׳נער, ווי דער טאַטע.

נחמיה

זאָלסטו מיר נאָר ענטפערן, פאַר וואָס-זשע פלאָראַ? איז
זי דען ניט מיינע?

רחצי

(מיט פאַרדרוס) מ... טאַקע דיינע... אָבער האָסט זיך נאָך
געשאַנעוועט, ס׳איז געווען באַלד נאָך דער חתונה, האָסטו
זיך נאָך געשעמט... אָבער ווען כ׳בין מיט איר פאַרגאַנגען
אין טראָגן, האָסטו שוין גע׳שיכור׳ט, ווי דיין טאַטע, דעם
גיהנום זאָל ער דאָרט האָבן.

נחמיה

געהערט, געהערט, שוין ניט איין צענדליק מאָל די חכמה.

מושיל נאַסאַראַג

(ווייזט זיך אין פענצטער, פינטלענדיק מיט די אויגן אומ־גערולדיק).

יעפים

(ווייזט אים אַ צייכן מיט׳ן אַקסל ער זאָל זיך באַהאַלטן)

נחמיה

כ׳וואָלט שוין בעסער געגאַן שלאָפן, אפשר אַנ׳אמת׳ן וועט זיך מיר חלומ׳ן, אַז דו ביזט געראַכט (אָפּ).

רחצי

(רופט) אירינאַ! בעט אים דאָרטן. (צו יעפים׳ען) וואו ביזטו אַהינגעקומען? האָסט שוין ווייטער זיך סקאָמפּאַ־ניעט מיט דעם „נאַסאַראַג“?

יעפים

ווער האָט דיר געזאָגט? ס׳אַ ליגן!

רחצי

דו משוגע׳נער, כ׳זאָג דאָך דיר כ׳האָב אים אַליין געזען.

יעפים

אַזוי? ס׳האָט זיך דיר אויסגעוויזן.

רחצי

איך וועל דיר שוין ווייזן, ווי ס׳ווייזט זיך מיר אויס. כ׳וועל אים נאָך מיט זודיקער וואַסער אָפּבּאַרן, אַז כ׳וועל אייך טרעפן אינאיינעם.

יעפים

אַזוי! כ׳וועל שוין גיין, אַז כ׳וועל דאַרפן. וואָס איז עפּעס? כ׳בין אַ קליין קינד, וואָס דו קוקסט מיר נאָך?

רחצי

ביזט דאָך נאָך הונדערט מאָל ערגער פון אַ קינד, דו משוגע׳נער, דו! מ׳וואָלט דיר, מיר דאַכט, מיט שטיינער באַוואַרפן, ווען דו וואַקסט אויף ביי אַן אַנדער מאַמע׳ן. (זי לאָזט זיך גיין)

יעפים

(אומגעדולדיק) נו... נו... גיי שוין, גיי דיר!

ירוחם

(באדויערנדיק איר מזל) מ... אז־וויי צו מיינע פארגע־ניגענס (אָפּ).

יעפים

(שרייט אין פענצטער) בראם! בראם! קום אריין! (ער נעמט ארויס געלט פון קעשענע, ציילנדיק) מיינט, כ'דארף אָנקומען צו איר נאָך געלט, כע, כע!

בראם

(קומט אריין).

יעפים

קום (נעמט אים ביי דער האנט).

בראם

וואוהין? שוין? וויל איך ניט! גיב מיר פריער די פופציק קאָפּיקעס.

יעפים

כ'האָב דאָך דיר שוין פאר דעם מאָל באצאָלט, דו קליינער גנב.

בראם

ווען? דו אידיאָט!

יעפים

(טוט אים א פאטש אויטאָמאטיש).

בראם

(וויל מאכן א געוויין).

יעפים

(פארשטעלט אים ס'מויל) שא, שש... כ'גיב דיר א גאנץ קערבל!

בראם

(שרייט פארשטיקט אונטער זיין האנט).

יעפים

שווייג, זאָג איך, כ׳גיב דיר צוויי רובל, נאַ! (ער רוקט שנעל די האַנט אין קעשענע).

בראַם

נו, גיב אהער־זשע!

יעפים

קום־זשע מיט מיר!

בראַם

וויל איך ניט, און שוין!

יעפים

בראַם, ווּעסט מיך האָבן צו געדיינקען. מוזט מיט מיר גיין.

בראַם

ווּעסטו מיר קויפן די סקאַקאַלקע?

יעפים

כ׳וועל דיר קויפן, כ׳וועל דיר קויפן (כאַפּט אים ליידנ־שאַפטלאַך־אויפגערעגט, לויפט מיט אים אין צווייטן חדר, אין דער לינקער זייט, אין ערשטער טיר).

סאַנקע

(איז אָנגעקומען אויף די לעצטע ווערטער פון דרויסנטיר אומבאַמערקט, זי גייט צו צום טירל פון דעם חדר, וואו זיי זיינען אריינגעגאַנגען, און קוקט זיך אונטער. זי ווערט אָנגערעגט, ציטערדיק דעם אָטעם ליידנשאַפטלאַך. מ׳הערט אפילו אַ שטילן קרעכץ, דריקענדיק די ציין. נאָך דעם גייט זי מאַכטלאָז צום טיש, זעצט זיך אנידער).

רחצי

(קומט אריין, קוקט אַ ווײַלע אויף סאַנקע׳ן, פרעגט) וואָס זיצטו עפּעס אַזוי, סאַנקע? דו ווייסט, אַז דער טאַטע האָט איבערגעלאָזט פאַר דיר און פאַר בראַמ׳ען צו צוויי רובל.

סאַנקע

(הערט ניט).

רחצי

זע נאַר, וואָס שווייגסטו? האָסט זיך שוין ווידער צע־ברוגז'ט מיט פרידאַ'ן? דאַרפסט זיך ניט ערגערן. ס'ט קרוגן אַן אַנדער חבר'טע. גיי, נאַרעלע, גיי שלאָפן.

סאַנקע

(הויבט זיך אויף).

רחצי

איז שוין בראַם אויך געקומען? אַזוי שפּעט און ס'לויפט אַרום.

סאַנקע

ער איז ביי יעפימ'ען אין צימער.

רחצי

פון וואַנען ווייסטו?

סאַנקע

כ'האָב... כ'ווייס, דאַכט זיך, כ'האָב אים... כ'האָב אים געהערט ריידן דאָרט.

רחצי

וואָס איז מיט דיר, סאַנקע? וואָס ריידסטו ניט עפּעס ווי אַ מענטש?

סאַנקע

כ'ווייס ניט, מומע... ה...

רחצי

וואָס־זשע דען? האָסט שוין ווידער געהאַט מיט זיי? זאָג, האָסט זיך אונטערגעהערט?

סאַנקע

ניין...

רחצי

וואָס־זשע טויג דיר צו הערן וואָס אינגלאַך ריידן? פע! ס'איז ניט שיין פאַר אַ מיידל.

סאַנקע

(דערשראָקן) כ'האָב זיך ניט צוגעהערט, מומע, כ'לעבן!

כ'האָב נאָר געזען, ווען כ'בין אָנגעקומען, אַז יעפים האָט געגעבן בראַמ'ען געלט און האָט אים געקושט.

רחצי

(זיך מאַכנדיק האַרץ) כי, כי. נו, גיי שוין שלאָפן, גיי, מזיק!

(זיי גייען ביידע אָפּ. פאַרדרייט דעם לאָמפּ).

(יעפים און בראַם קומען אַריין אָן די רעקלאַך, אויפגעלעבט)

יעפים

זאָלסטו געדיינקען, בראַם, אַלע אויפדערנאַכט! כ... ס'ט אַריינקומען גלייך צו מיר, דו הערסט?

בראַם

וואָס מיינסטו, כ'ווייס ניט, אַ־יאָ... (רוימט אים איין אַ סוד אין אויער).

יעפים

גיי, דו מזיק, כ'קאָן אויף זיי ניט קוקן, כ'האָב דיך טויזנט מאָל בעסער ליב פון זיי.

בראַם

פאַר וואָס־זשע איך...

יעפים

(שלאָגט אים איבער) וואָס? האָסט זיי גאָר ליב? האָסט פאַרגעסן, אַז האָסט ערשט געזאָגט דו האָסט זיי אויך פיינט?

בראַם

(ניט געדיינקענדיק) וועמען?

יעפים

וואָס הייסט וועמען? די מיידלאַך, די ווייבלאַך.

בראַם

(זיך דערמאָנענדיק, וואָס ער האָט אים פאַרשפּראָכן) האָ! יאָ, כ'האָב זיי פיינט!

יעפים

נו, געדיינק־זשע!

בראם

ווען מיר קויפן א לאקירעגעם גארטל?

יעפים

כ'האב דאך דיר איינמאל געזאגט!

סאנקע

(קומט כמעט אין הויכן העמד. זי באמערקט ניט קיינעם, נאר ווען זי קומט א צוויי טריט אין צימער, דערזעט זי זיי, זי ציט זיך צוריק האלב דערשראקן).

יעפים

(באמערקט זי און שרייט אוים, שושקענדיק) וואס טוסטו דא?

סאנקע

(וויל צוריקטרעטן).

יעפים

(שרייט אוים) דו ווערסט זיך נאר אונטערקוקן? איך וועל דיך ארויסטרייבן פון דער שטוב.

סאנקע

(מיט א פולן שלינג טרערן) אזוי דו משוגע'נער, כ'וועל דערציילן דער מומע...

יעפים

(שרייט) וואס? (לאזט זיך ווילד זי שלאגן)

סאנקע

(קוויטשעט דערשראקן).

יעפים

(בלייבט שטיין צוריקגעהאלטן).

בראם

(קארטשעט זיך דערשראקן, צו יעפים'ען) דו...

רחצי

(פון צווייטן חדר) וואס איז דארט, ווי מיר, ווער שרייט?

יעפים

(שרעקט סאַנקע'ן מיט'ן קולאַק, ווי איינער רעדט: „איך וועל דיר געבן“).

סאַנקע

(שטעלט אים דערשראָקן ארויס די צונג, פאַרדרייענדיק אביסל ס'מויל אָן א זייט, און רוקט זיך צוריקוועגס אָפּ אין איר צימער).

נחמיה

(קומט אין די גאַטעס, ארויפגעוואָרפן אויף זיך די קאַפּאָטע, מיט א פאַרשמאַלצעוועטער יארמעלקע אָן א זייט) וואָס האָט זי געשריען, וואָס כלבים!

יעפים

ס'האָט זיך אייך מסתמא גע'חלומ'ט, פעטער!

בראם

(צו יעפים'ען) דו, א פעטער מעג מען אָפּנאַרן?

יעפים

שווייג שטיל!

נחמיה

וואָס הייסטו אים שווייגן שטיל, וואָס? אַט האָסטו דיר א נייער לערער געוואָרן! (צו בראַמ'ען) כ'וועל דיר ברעכן די ביינער, אז דו וועסט מיר ניט דערציילן. הערסטו, דו! זאָג, וואָס איז דאָ געווען?

בראם

כ'לעבן, טאַטע, כ'ווייס ניט!

ירוחם

כ'לעבן, זאָגסטו? אַ? קום נאָר א—הער! ! (וויל אים שלאָגן).

רחצי

(אריינקומענדיק) וואָס איז דאָ געווען? (דרייט אויף דעם לאָמפּ).

ירוחם

פארקערט, זאג דו! רוף זי נאר אריין, האסטו דיר אין מיטן נאכט א שפילן זיך מיט בחורים! נו!...

יעפים

וואס האט איר זיך אזוי צעשריגן אלע? גייט אייך שלאפן!

ירוחם

וואס זאגסטו ניט אויף דיין משוגע'נעם, וואס מיר האבן זיך צעשריגן, האבן מיר...

יעפים

איך וועל אייך באלד ארויסווארפן, אז איר וועט ניט אויפהערן.

רחצי

דו פארמאכסט ניט דיין מויל? איך וועל דיר, מיר דאכט, ברעכן די ביינער טאקע ווי פאר א גרויסן משוגע'נעם פאסט!

יעפים

(שרייט) איך וויל ניט מ'זאל מיך רופן משוגע'נער... איר זייט אלע משוגע, און שוין...

נחמיה

(שרייט פון צווייטן צימער) וואס איז דארט? וואס לאזט מען ניט שלאפן...

רחצי

(פארביטערט) קום אריין, פארקערט. זע און שעפ נחת פונ'ם זון...

יעפים

(ניט באגרייפנדיק זיין שולד, שרייט ווי גלייך די ארומיקע זיינען די אידיאטן) וואס ווילט איר פון מיר? וואס האב איך געטאן, וואס איר...

רחצי

(פרובירט געלאסן) וואס שרייסטו נאך? זאל איך הערן, דערצייל אליין, פארוואס האט זי געשריגן...

יעפים

ווייל איך ניט, און שוין!

רחצי

(געלאסן) ביזטו דאך משוגע!

יעפים

בין איך משוגע, שוין. וואס איז, כ'וויל ניט זי זאל זיך אונטערקוקן וואס כ'רעד מיט בראמ'ען!

ירוחם

וואס האט אזא געזונטער בחור צו טאן מיט בראמ'ען?

נחמית

(ארויפגעשלעפט די אויזן, אן דעם היטל) וואס איז דא? צעשריגן זיך אינמיטן דער נאכט...

רחצי

שוין ניכטער? נו, האט זיך דיר שוין גע'חלומ'ט, אז איך בין גערעכט? (ווייזט אויף יעפימ'ען) קוק אויף יעדער טריט די פארגעניגן...

נחמיה

נו, אז כ'וועל דיר שוין זאגן, אז דו ביזט גערעכט, וועט דיר העלפן? נו, ביזטו גערעכט, גערעכט! אבער וואס איז דאס געשריי פלוצלונג פאר'ן שלאפן?

רחצי

(ווייזט אויף יעפימ'ען) קוק גוט אין זיין צורה, זעסט זי?

נחמיה

נו, זע איך...

רחצי

אט אזא פנים האסטו!

נחמיה

(צופרידן) טאקע. איז זיך... (באמערקט איר שטרענגן קוק). כ'האב געוואלט זאגן, אז ווי קומט עס טאקע, וואס ער איז געראטן אין מיר... כ'מיין, יעפים, פארוואס ביזטו טאקע ניט געראטן אין דער מאמע'ן, אן עולה...

יעפים

וואָס מיינט איר, כ'וועל אייך אַלעמען שוויינגן? כ'בין ניט קיין קליין קינד, און כ'וויל ניט מ'זאָל מיך באַליידיקן, איר ווייסט?

רחצי

יאָ, אַז־ווייי איז צו מיין וויסן...

יעפים

(מיט הנאה) וואו איך קום צווישן מיינע חברה, האָט מען דרך־ארץ פאַר מיר, און דאָ נאָר משוגע'נער און משוגע'נער, ס'איז דאָס לעצטע מאָל... כ'וועל די שטוב איבערקערן.

רחצי

קער בעסער איבער דעם טאַטען דיינעם דעם קאָפּ, צוליב אים גיט מען דיר אַפּ כבוד צווישן דיינע זשוליקעס, א שיינער לייט וואָלט פון דיר געווען, ווען איך פאַרלאָז זיך אויף אים, און כ'זאָל דיר ניט געווען מיט גוואַלד עפּעס אויסלערנען שרייבן צי לייענען, און דיך אָנטאָן ווי א מענטש! (ביטער) כבוד גיט מען אים אָפּ...

יעפים

(לאַכט האַלב אידיאָטיש) שרייבן... שרייבן... (ווייזט א פּאָר רובל) וואָס איז דאָס? א סך וואָלט מיר געהאָלפן דאָס שרייבן...

נחמיה

וואָס א שטייגער וואָלסטו געטאָן, ווען דו זאָלסט דאַרפן פאַרדינען א קערבל, ווי אַלע מענטשן — ווי איך!

יעפים

קוק נאָר אָן, נו, און אין קלייט פאַרדין איך מיר ניט... איך קאָן ביי א פרעמדן אין א קלייט אויך פאַרדינען. (אָפּ צו זיך, ווי געזיגט) מיינט אַן אמת!

ירוחם

הערסט וואָס כ'וועל דיר זאָגן, שוועסטער, אַז דיין יעפים איז גאָר ניט קיין גוטער חבר פאַר מיין חברה...

נחמיה

ווייס־אך, ס'מאכט זיך.

רחצי

דו, גיי דיר אין דיין רו.

נחמיה

איז ניט (אפּ).

רחצי

און דו, בראם, גיי אויך שלאָפן!

בראם

(גייט צו סאַנקע'ן אין צימער).

ירוחם

(נאָכקוועט אים מיט'ן פינגער) ווארט אויס, דו כלב!

רחצי

וואָס האָסטו צו אים? ער איז דאָך אַ קינד!

ירוחם

כ'וויים צו וועמען צו האָבן? כ'וואָלט געוואָלט וויסן, וואָס האָט זי געשריגן.

רחצי

איך וועל שוין ביי איר וויסן, גלויב מיר, אז ס'קאָן זיין ביי דער חברה איבערע אַ גאַנצן גאַרניט.

ירוחם

און איך זאָג דיר, אז דיין בחור געפעלט מיר ניט.

רחצי

ווייס־אך, מיינסט אַן אמת, אז ער איז שוין טאַקע משוגע? ער איז נאָר אביסל שלעכט. (באַקלאַגנדיק זיך אויף איר מזל) ביי אַן אנדער טאַטען... (זיפצט) און צווייטנס, מיר ווילן זען שפּעטער מיט אַ צוויי וואָכן, אויב ס'וועט זיך ניט אנדערשן... דער עיקר, וואָלט מען בראַמ'ען געדאַרפט אָנזאָגן, ער זאָל זיך מיט אים ניט חבר'ן, און טאָמער וועט עס טאַקע ניט העלפן, וועסטו זיי איבערפירן צו באָסען. ס'איז ביי איר אויך גראם...

ירוחם

איך זאָג דיר, אז כ'וועל נאָך מאָרגן זיי איבערפירן.

רחצי

גיי, גיי שלאָפן. מיר'ן שוין זען.

ירוחם

נו, האָסטו דיר שטודירן, ברענג זיך אוים, א כאָליערע! (אָפּ).

רחצי

(פארדרייט דעם לאָמפּ, זיפצט) אין דער וועלט וואָלט איך מיר באדארפט אנטלויפן (אָפּ).

יעפים

(קומט צוריק נאָך א קליינער פּאוזע, דרייט אביסל אויף דעם לאָמפּ, גייט צו צום טירל, וואוהין בראם איז אריינ־געגאנגען, רופט שושקענדיק) בראם! בראם! (פּאוזע) בראם, קום אהער!

בראם

(קומט אריין אָנגעברוגזטערהייט, האלב־אויסגעטאָן) וואָס ווילסטו פון מיר? דו!....

יעפים

שא... כ'וויל דיר עפּעס דערציילן... הערסט בראם, איך האָב זיך אונטערגעהערט: דיין טאַטע וויל אייך צונעמען פון דאנען.

בראם

וועל איך טאַקע גיין און שוין!

יעפים

וואָס? דו וועסט גאָר ניט בענקען נאָך מיר? דו ווייסט, בראם, כ'האָב ארסויסגענומען ביים טאַטן אין קאַסע הונ־דערט און פופציק רובל, און אז דו וועסט מיך ליב האָבן וועל איך דיר קויפן די שענסטע זאכן, וואָס דו וועסט וועלן.

בראם

יאָ. אָבער אז סאָנקע וועט... זי קאָן דערציילן.

יעפים

(אומצופרידן) זאָלסט איר זאָגן, אז זי וועט זיין א וואוילע, וועל איך איר אויך קויפן שיינע זאכן.

בראם

און אז זי וועט וועלן... (זאָגט אים א סוד אין אויער).

יעפים

(מיט עקל) גיי! זי וועט ניט וועלן....

בראם

וואָס דען קוקט זי זיך אונטער?

יעפים

וועסט איר זאָגן, אז כ'וועל איר קויפן שיינע זאכן, נאָר זי זאָל זאָגן, אז ס'איז גאָר ניט געווען, הערסט? גיי גיב מיר א קוש און גיי שלאָפן. (ער בייגט אים צו זיין קאָפּ) נאָ!

בראם

(קושט אים קאַלט).

יעפים

(דריקט אים צום הארצן ליידנשאפטלאך. פּאוזע) ווייסטו וואָס, קום צו מיר...

בראם

(דערשראָקן) ניין, כ'וויל ניט. (רייסט זיך ארויס).

יעפים

(בלייבט זיצן אויפגערעגט, לייגט זיינע הענט צווישן די קני, זיי צונויפקלעמענדיק, פאַרקנייטשט זיך „עראָטיש“, לאָזט זיך גיין אין זיין צימער, קוקענדיק ליידנשאפטלאך אויף בראם'ען.)

בראם

(גייט אין זיין צימער, קוקענדיק מיט שרעק אויף יעפים'ען. ווען ביידע פארמאכן איינצייטיק זייערע טירלאך, פאַלט דער פאָרהאנג לאנגזאם.)

צווייטער אַקט

(דאָס זעלבע חדר. די זעלבע אויסשטעלונג. יעפים, בראַם, סאַנקע זיצן צוזאַמענגערוקט אויף בײנקלאַך און פירן אַ געהיימען שמועס, אַלעמאָל זיך צוהערנדיק צו יעדן שאָרך)

יעפים

וואָס איז? וויל איך ניט! מיינט אַן אמת.

סאַנקע

סטו זען!

יעפים

וואָס וועל איך זען? וועסט אפשר דערציילן?

סאַנקע

יאַ!

יעפים

(וויל זי שלאָגן.)

סאַנקע

(וויל שרייען.)

בראַם

שש... סאַנקע, איך וועל אים בעטן....

יעפים

(נערוועז) אַז כ'האָב זי ניט ליב.... קאָן מיך נייטן!....

סאַנקע

פאַר וואָס־זשע דעמאָלט?....

יעפים

כ'האָב דיך דעמאָלט אויך ניט ליב געהאַט, כ'האָב מיר גע־

טראכט, אז סאיז בראם... (זיי דערהערן טריט, כאפן זיך אויף).

סאנקע

(אפ צו זיך אין צימער.)

בראם

(בלייבט שטיין דערשראקן.)

רחצי

(קומט אריין, באטראכט די חברה פארדעכטיק, פרעגט) שוין ווידער אינאיינעם ? (צו בראמ'ען) שוין אוועק פון דאנען!

בראם

(גייט אפ א פארשעמטער.)

רחצי

נא און דו וואס טראכסטו דיר ? וואס טראכסטו דיר, זאג מיר.

יעפים

(שווייגט.)

רחצי

שווייגסט? א ? שווייגסט משוגענער מיינער, הא ? דו ווייסט כאטש וואס דו האסט אפגעטאן? (אויפגערעגט) נ', ווען כ'האב ניט מורא פאר גאט, וואלט איך גענומען א מעסער און וואלט אדער דיך געשטאכן, אדער מיך....

יעפים

נא שטעך, שטעך!

רחצי

(זיך מאכנדיק הארץ) הער־זשע, יעפים, וואס כ'רעד צו דיר דאס לעצטע מאל. האסט אומגליקלאך געמאכט סאנקע'ן...

יעפים

(שלאגט איבער, האלב דערשראקן, זיך מאכנדיק וויינענדיק) ווער האט דיר געזאגט?

נחמיה

שטיל, דו! פרעג מיך ווייניקער, כ'האָב אַליין אויסגעפור־נען.

יעפים

ס'אַ ליגן!

רחצי

זאָל זיין שטיל! הער וואָס כ'זאָג דיר, ווארום ס'וועט זיין אַז ווי צו דיינע יאָרן, — כ'בין געווען ביי דאָקטוירים און האָב זיי דערציילט מיין גליק (שאָקלט מיטן קאָפּ) און איי־ניקע האָבן מיך געראטן זאָלסט חתונה האָבן.... דו הערסט?

יעפים

וויל איך ניט!

רחצי

דו וועסט מוזן יעצט חתונה האָבן מיט סאנקען. מ'וועט נאָך מוזן מאכן אַזוי, אַז דער פעטער זאָל זיך פון גאָרניט דערוויסן. כ'וועל דיר איבערשרייבן אַ האלב פארמעגן. די קלייט וועט זיין דיינע, נאָר פאָלג וואָס מ'זאָגט דיר, אַלא־נים, וועט זיין אַז ווי צו דיר און צו אונז אַלעמען. דער פעטער וועט מאכן אַ סקאנדאַל איבער דער גאַנצער שטאָט און אויב ס'וועט, חלילה, שאדן אונזער פּלאָרי'ס לערנען, זאָלסטו וויסן, אַז כ'וועל דיך מיט מיינע הענט דער־ווערגן. הערסט (אויפגערעגט האלב וויינענדיג) זי איז דאָס איינציקע גליק מיר געבליבן... מיין איינציקע האָפענונג.... זאָלסט געדיינקען!

יעפים

דער פעטער וועט אַליין ניט וועלן.

רחצי

קיין תירוצים דאָס וועל איך שוין באַוואָרענען. האַלט דיך ווי אַ מענטש, נישקשה, דער רוח האָט דיך ניט גענומען. וואָס וועט דיר פעלן? געלט וועל איך אים געבן וויפיל

ער וועט וועלן, אז דו וועסט חתונה האָבן, וועט פאַר דיר זיין א סך בעסער, וועסט ווערן נאָרמאַלער.

יעפים

מ... נאָרמאַלער — כ'קען אויף איר ניט קוקן.

רחצי

וועסט שוין קאָנען.

יעפים

מירן זען (מאַכט א פאַרזוך אַפּצוגיין).

רחצי

ס'וועט דיר ניט העלפן דיין אנטלויפן יעפים! כ'זאָג דיר, אז דו וועסט ניט טאָן וואָס איך היים דיר, וועל איך דיך אין משוגעים־הויז אריינגעבן....

יעפים

(האַלב ווילד) וואָס ?

רחצי

(קוקט אויף אים מיט ברענענדע אויגן) נו, גיי אוועק פון מיינע אויגן, וואָרים כ'וואַרף דיר באַלד עפּעס אין קאָפּ אריין!

יעפים

נו, נו (אַפּ, ווי איינער זאָגט „ישקני“).

נחמיה

(קומט אריין פאַרקרענקט) האָסט זיך שוין ווידער צעהיצט? נאָר זי שרייט זי.

רחצי

וואָס ביזטו אריין? מיך מער אויפרעגן, נאָך קאַרג האָט איר מיינע מאָזגעס אויסגעגעסן, וואָס ווילט איר האָבן פון מיר?

נחמיה

וואָלסט ניט געוושוואוירן, אז מ'טשעפעט זי.

רחצי

פאַר וואָס צווינגסטו אים ניט צו גיין צו א דאָקטאָר?

נחמיה

נא, וואָס זאָל איך טאָן, אז ער פאָלגט ניט?

רחצי

זאָג בעסער, וואָס זאָלסטו טאָן, אז דו ביזט אויך דאָס אייגענע.

נחמיה

רחצי, דאָס איז שוין צו פיל.

רחצי

איך זאָג דיר, אז דו וועסט אַליין מיט אים ניט צוגיין צו אַ דאָקטאָר און זען אויף אים ווירקען, ער זאָל חתונה האָבן, וועל איך ברייגנען אהיים אַ פּראָפעסאָר אויף אַן אונטערזוכונג און מ'וועט אייך ביידע צונעמען אין אַ משוגעים־הויז! כ'זאָג דיר, אז ס'מוז נעמען אַן עק.

נחמיה

ווייסטו גאָר וואָס, רחצי? שאַ! אז דו זאָגסט יאָ, אז אַ דאָקטאָר קען העלפן, ווארט זשע טאָקע אויס ביז אונזער פלאָראַ וועט קומען. זי מוז דאָך שוין מסתמא וויסן, האַ? זי איז דאָך שוין אין צווייטן צי אין דריטן קורס, וואָס דאַרפן מיר, אז פרעמדע זאָלן וויסן וואָס ביי אונז טוט זיך....

רחצי

שעמסט זיך! אַ? פאַרוואָס שעמסטו זיך ניט צו שכורן? פאַרוואָס שעמסטו זיך ניט מיט דעם אומגליק, וואָס דיין משוגע'נער האָט געמאַכט?...

נחמיה

וואָס איז גאָר מיינער? לאָז זיין דיינער אויך... בשותפות. האָסטו געזען, ווי זי לאָזט עס מיך ניט רוען? כ'האָב דיך שוין אביסל צופיל געלאָזט געוועלטיקן. (ער זאָגט עס מיט אַ טאָן, ווי ס'קליין הינטל האווקעט אויף אַן עלפאַנט, אָפּ)

רחצי

(שאָקלט מיט'ן קאָפּ, אים נאָכקוקנדיק, זיפצט).

סאנקע

(לויפט אריין, דערזעט די מומע און בלייבט דערשראָקן).

רחצי

קום נאָר אהער, סאַנקע, וואָס האָסטו זיך דערשראָקן? האָסט געמיינט, אז ער איז דאָ?

סאנקע

(נאָך מער דערשראָקן) ווער?

רחצי

ווער? דארפסט זיך ניט שעמען, קינד, זאָג דעם אמת. האָסט אים ליב?

סאנקע

(אין זעלביקן טאָן) וועמען?

רחצי

מיין, יעפימ'ען, נו. ניט קיין עולה, קינד.

סאנקע

ניין, מומע, כ'לעבן, כ'האָב אים ניט ליב.

רחצי

סאַנקע, נאַר מיך ניט אָפּ...

סאנקע

כ'לעבן, מומע.

רחצי

שווער זיך ניט אויף א ליגן.

סאנקע

כ'לעבן, מומע, כ'האָב אים ניט ליב.

רחצי

ניין? וואָס־זשע האָסטו געטאָן דאַנערשטיק באנאכט ביי אים?

סאנקע

(ווערט רויט, שווייגט).

רחצי

אָ? א־יאָ מ'טאָר ניט נאַרן א מומע?

סאנקע

(שווייגט. פּאוזע).

רחצי

וועסטו מיר דערציילן אַלעס, וועל איך מאַכן אַזוי, אַז ס'זאָל קיינער גאָרניט וויסן.

סאנקע

כ'ווייס ניט, מומע...

רחצי

ווייס איך אָבער. ווי אַזוי גייט עס אַ מיידל באַנאַכט צו אַ אינגל אין צימער?

סאנקע

(וויינענד) כ'ווייס ניט, מומע... ס'האָט מיך געצויגן. (פּאוזע).

רחצי

זאָג מיר, סאָנקע, דעם אמת, וועל איך נאָך אַלעס מאַכן גוט, נאָר דערצייל מיר, וועלכע חבר'טע האָט עס דיר דער־ציילט פון אינגלאַך?

סאנקע

קיינער, מומע.

רחצי

וואָס הייסט, קיינער. פון וואַנען דען ווייסטו?

סאנקע

כ'האָב איינמאָל אויפדערנאַכט געזען... ווי יעפים... מיט בראַמ'ען... (בלייבט שטיל).

רחצי

נו?

סאנקע

כ'ווייס ניט, מומע.

רחצי

דו ווייסט דאָך יאָ, זאָגסט דאָך אַליין, האָסט געזען.

סאנקע

יאַ, כ'פלעג מיך אונטערקוקן... און ס'האָט מיך געצויגן... ביז —

רחצי

(דערהערנדיק קומען די חברה) שאַ נאַר... לויף גיכער אין דיין צימער.

סאנקע

(אָפּ צו זיך, ווי פון גיהנום).

רחצי

(אָפּגייענדיק) שוין ווידער (באהאַלט זיך אונטער איר טיר, הערט זיך אונטער, וואָס די חברה ריידן. יעפים און בראָם קומען אריין פאַרזיכטיק).

בראָם

אָבער אַז כ'וויל ניט הערן, זע נאַר!

יעפים

דו וועסט מוזן הערן... בראָם, וועסט מיך האָבן צו געדיינקען. כ'האָב דיך אַזוי ליב, אַז כ'קאָן אָן דיר ניט לעבן (וויל אים גלעטן).

בראָם

(לאָזט זיך ניט) גיי!

יעפים

כ'בעט דיך, בראָם, פאָלג מיך, לאָמיר אַוועקפאָרן אין אַן אַנדער שטאָט. דאָרטן וועל איך מיט דיר חתונה האָבן. וועסט זען, ס'וועט אונז זיין גוט. דו ווייסט, כ'האָב אפשר טויזנט רובל אָנגעזאַמלט פון דערמאָלט אָן, וואָס כ'האָב ארויסגענומען פון טאַטנ'ס קאַסע. מיר וועלן זיך דאָרט אַלע טאָג שיפן אויף לאָדקעס. (פאַרנאַרעריש) אַ־יאָ, דו האָסט ליב?

בראָם

נו, און אַז מ'וועט אונז כאַפּן?

יעפים

האָב קיין מורא ניט. מיר'ן אוועקפאָרן אין אזא שטאָט, וואו מ'וועט אונז ניט אָפזוכן. מ'זאָגט, אין פאריז איז דאָ א סך אזוינע, ווי איך... אפשר וועלן מיר טאקע פאָרן קיין פאריז, נו?

בראם

(נאָכדיינקענדיק) כ'וויים ניט.

יעפים

וואָס הייסט, דו ווייסט ניט? כ'וועל דיך ניט איבערלאָזן. דו וועסט מיט מיר מוזן פאָרן!

בראם

כ'האָב מורא!

יעפים

וואָס דארפסטו מורא האָבן. קום מיט מיר. (שטעלט זיך אויף, נעמט ארוים פאזיטן פון בוזים-קעשענע) זעסט, וויפיל געלט? קום, זאָג איך!

בראם

טאקע שוין?

יעפים

וואָס דען מיינסטו? קום! (שלעפּט אים אראָפּ פון ביינקל).

בראם

(גייט א צוויי טריט אויטאָמאטיש).

רחצי

(וועלכע האָט, ארײַנשטעקנדיק אייניקע מאָל דעם קאָפּ, געזען און געהערט, וואָס דאָ טוט זיך, קומט ארײַן) שטייט!

יעפים

(איילנדיק) וואָס איז? אויף א מינוט צו גיין אין פארק דארף איך מיט אים. (שלעפּט בראם'ען אויף ארויסצוגיין).

רחצי

(כאפּט אָן בראם'ען) שטיי, זאָג איך!

יעפים

ווייל איך ניט! (שלעפט בראמ׳ען).

רחצי

(שרייט) נחמיה! אירינא!

יעפים

וואס שרייסטו?

רחצי

ס׳ט שוין א סימן האבן!

נחמיה

(קומט אריין) וואס איז?

רחצי

ערשטנס, נעם בראמ׳ען און פארשליס אים אין זיין צי־מער. (מיט א טאן העכער) ירוחם וועט קומען און וועט זיך אים אהיים נעמען, ווייל ס׳וועט דא קיין גוטס ניט געשען!

בראם

כ׳וועל ניט אוועקפארן, מומע, כ׳לעבן, אז ניין!

יעפים

שווייג, דו...

רחצי

פארשריי אים ניט, כ׳האב סיי־ווי אלצדינג געהערט.

יעפים

וואס הערסטו זיך גאר אונטער?

רחצי

(ביטער) יא, איך הער זיך אונטער, זון מיינער, א מאמע מעג זיך אונטערהערן, און אז מ׳האט א טאטן א „טויגע־ניכטס“, מעג די מאמע געבן פעטש אויך (דערלאנגט אים א פאטש).

יעפים

(טריפנדיק) אנו, לאמיר זען, זאלסט מיך שלאגן, וואס איז?!

רחצי

וואָס איז, פרעגסטו? מיינסט, כ'האָב ניט געהערט אינ־גאַנצן, וואָס האָסט מיט אים גערעדט?...

יעפים

נו, האָסטו געהערט!

רחצי

נו? נאַ־דיר, נו! (דערלאַנגט אים נאָך אַ פּאַטש).

יעפים

(טריפעט זיך ווילד) וואָס איז, וואָס שלאָגסטו?

רחצי

ווילסט ניט ליידן? נאַ! (וואַרפט אים דעם פּאַפּיראָסניק אין קאָפּ).

יעפים

(רעוועט ווילד, לאָזט זיך צו דער מוטער.)

(רחצי און נחמיה האַלטן אים צו; יעפים רייסט זיך מיט געוויין.)

רחצי

(צו נחמיה) ווער בעט דיך הילף, העלד מיינער, גיי, רוף אַריין אירינאַ'ן, לויף, בראַם, זוך זי אָפּ, בינדן דאַרף מען אים דעם משוגע'נעם.

בראַם

(אָפּ).

יעפים

(רייסנדיק זיך) וואָס ווילסטו?! (וויל איר בייסן די הענט).

רחצי

(פאַרדעכענדיק זיך) וועסט שוין זען.

יעפים

(רייסט זיך אַרויס, לויפט צו דער טיר.)

נחמיה

(כאַפּט אים ביים רעקל) רייס דיך ניט אויס! וואָרים...

יעפים

(רייסט זיך אוים, אנטלויפט.)

רחצי

(בלייבט זיצן אויסגעמאטערט, ווי אין חלשות.)

נחמיה

(ווייסט ניט וואס צו טאָן פון שרעק.)

אירינא

(וועלכע איז אָנגעקומען אין טיר, דאָס קליידל פאַרשטעקט אָן א זייט, די ארבל פאַרקאַטשעט, מיט צעווייקטע הענט, האָט געכאַפּט יעפים'ען און אים אריינגעשלעפּט.)

יעפים

(רייסט זיך, ווי א ווילדע חיה) לאָז מיך, זאָג איך דיר!

רחצי

לאָז אים אָפּ, אירינא, לאָז אים.

אירינא

(לאָזט אים אָפּ.)

יעפים

וואָס האָסטו זיך צו מישן דאָ? פּאַשלאַ וואָן!

רחצי

לאָז זיין שטיל, זאָג איך! (צו אירינא) גיי דיר, אירינא, טאָן דיין ארבעט, האָסט זיך אביסל דערשראָקן?

אירינא

(אָפּגייענדיק) וואָס־א דורנעי (אָפּ).

רחצי

(צו נחמיה) דו גיי אויך. איך באַדאַרף מיט אים עפּעס ריידן אָן דיר!

נחמיה

געזונטערהייד, נאָר וואָס געהער זיך אָן, וואָס כ'האָב גע־הערט?

רחצי

ניט דיין עסק!

נחמיה

איז ניט (גייט אָפּ אָן חשק).

רחצי

יעפים, כ׳האָב געהערט, אַז דו האָסט פונם טאַטנ׳ס קאַסע אַרויסגענומען טוזינט רובל.

יעפים

וואָס?!

רחצי

שריי ניט, כ׳האָב צו דיר גאָרניט, אפילו ווען דו וועסט אָוועקפאָרן, ווי כ׳האָב ערשט געהערט. אפשר טאַקע אין אַ גרעסערער שטאָט צווישן פרעמדע מענטשן, מיט אַביסל געלט אויך, וועסטו זיך איבעראַנדערשן, אָבער פאָר, איידער דער פעטער ירוחם ווערט עפּעס געוואָר.

יעפים

איך האָב פאַר אים קיין מורא ניט!

רחצי

הער, וואָס כ׳זאָג דיר, יעפים! דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, וואָס איך רעד צו דיר מיט גוטן. כ׳וועל דיך אין משוגעים-הויז אַריינגעבן!

יעפים

(אָפּגייענדיק) נו, נו (אָפּ מיט אַ קלאַפּ פון טיר).

רחצי

(זיפצט אָפּ) „נו"? (פּאַוזע).

בראָם

(לויפט אַריין) מומע, עפּעס אַ מיידל מיט אַ יונגערמאַן זיינען צוגעפאָרן ערשט־אָ!

רחצי

(כאַפּט זיך אויף) אַ, טאָכטער מיינע.... (קענטיג, ווי זי וואָלט געטראַכט פון איר, לויפט צו דער טיר, ווען פלאָרא מיט שטיינבערג׳ן קומען איר אַנטקעגן).

רחצי

(דריקט פלאָרא'ן צום האַרץ. קושט זי.) טאַכטער מיינע, קינד מיינס...

פלאָרא

זיי ניט אַזוי איבעררּאַשט, מאַמע, וואָס קוקסטו עפּעס אויס ווי פאַרוויינט?

רחצי

(זיך מאַכנדיק האַרץ) גאָר ניט, טאָכטער, גאָר ניט. דו ווייסט ניט, אַז מ'ווייסט, אַז דו דאַרפסט שוין קומען, בײַנקט זיך פּשוט וואָס גיכער צו זען.

פלאָרא

נאַרסט מיך ניט אָפּ? (קוקט אויף איר פאַרשנדיק) נו, דערפאַר וועל איך האָבן אַ מאַנאַט מיט אַ האַלבן וואַקאַציע.

רחצי

נישט מער? מ'לאָזט דאָך אָפּ אויף דריי חדשים.

פלאָרא

כאַ, כאַ! ביי מיר איז דאָס צו־פיל, גאָספּאָדין שטיינבערג, און ביי מיין מאַמען איז אַנדערטהאַלבן מאַנאַטן ווייניק.

שטיינבערג

גאַנץ איינפאַך.

פלאָרא

אַ, מוטער טייערע, נישטאָ קיין צייט, מ'דאַרף לערנען... יאָ, כ'האָב זיך אַזוי דערפרייט, מאַמע, אַז כ'האָב פאַרגעסן פאָרצושטעלן מיין פריינט, באַזי רוף איך אים, כאַ, כאַ.

שטיינבערג

(גיט רחצי'ן די האַנט, שמייכלענדיק) און מיין צווייטער נאָמען איז שטיינבערג.

פלאָרא

נו, וואו איז ערגעץ דער פּאַפּאַ? יעפים

רחצי

אָט וועל איך זען, צי זיי זיינען אין דערהיים (אָפּ).

פלאָרא

(צו בראמ׳ען) נו, און דו וואָס מאַכסטו? דאַכט זיך, ביזט דעם אָנקל ירוחמ׳ס אינגל, יאָ?

בראם

יאָ.

פלאָרא

נו, וואָס טוסטו דאָ אין שטאָט? לערנסט אין חדר?

בראם

איך לערן אויפדערנאַכט ביי אַ רבי׳ן און בייטאָג גיי איך מיט סאָנקען אין שול.

פלאָרא

אַזוי? האָט ער מיך טאָקע געפאָלגט, דער טאַטע? נו, אַז דו וועסט אהיימפאָרן אויף קאַניקול, מ׳האָט דאָך אייך שוין געוויס אויך צעלאָזט, זאָלסטו זאָגן דעם טאַטן, אַז ער איז אַ וואוילער פעטער, אַזוי האָ איך געזאָגט...

בראם

איך מיט סאָנקען קענען נאָך ניט אהיימפאָרן. מיר דאַרפן זיך צוגרייטן צום עקזאַמען אויף שפּעטער מיט אַ חודש, ווייל מיר זיינען ניט אַריבער אין העכערן קלאַס.

פלאָרא

פאַר וואָס?

בראם

איך האָב ניט געקענט גוט אַריפמעטיקע, און סאָנקע היס־טאָריע.

פלאָרא

אַ, מ׳דאַרף לערנען, זייער ניט שיין, ווען מ׳בלייבט איבער אויפן צווייטן יאָר אין זעלביקן קלאַס.

בראם

ס׳איז טאָקע איבער יעפּימ׳ען.

פלאָרא

אזוי? א שלעכטער יעפּימ׳טשיק, זאָלסט אים דערפאַר ניט ליב האָבן.

בראַם

ער האָט אָבער מיך ליב.

פלאָרא

כע, כע! וואו איז ער? ס׳איז דאָך היינט זונטיק. ס׳איז דאָך ביז 12 אזייגער פארמאַכט די קלייטן.

בראַם

ער האָט געהערט אנטלויפן אין פּאַרק, זאָל איך אים גיין אויסזוכן?

פלאָרא

יאָ, גיי! זאָג אים, אַז זיין שוועסטער איז געקומען. דו ווייסט, ווער איך בין?

בראַם

(גייענדיק) יאָ, כ׳געדיינק שוין, ביזט געווען אמאָל ביי אונז (אָפּ).

שטיינבערג

ער איז פון דאָרף, דעם אָנקל׳ס?

פלאָרא

יאָ, באַרים. מיר וועלן אין אייניקע טעג אַרום זיך דורכ־פאָרן אין דאָרף, ס׳איז דאָרט אַזוי שיין די נאַטור, וואונ־דערלאָך! דעם אָנקל׳ס הויז איז אויף אַ באַרג, און אין אַ יאַר אריין איז זיין גאָרטן, גלייך נעבן גאָרטן גייט די ריטשקע. זייער אָפט נאָך אַ רעגן פליסט אריין די וואַסער פון ריטשקע אין גאָרטן, איך פלעג זייער ליב האָבן צו קוקן דעמאָלט אין וואַסער. אַז איך פלעג זיך פאַרטראַכטן, האָט זיך מיר אַן אמת אויסגעוויזן, אַז אין וואַסער וואַקסן די בוימער מיטן קאָפּ אראָפּ, און ווען מ׳לאָזט זיך אראָפּ, קען מען אין דער טיפעניש דערגרייכן דעם הימל.

שטיינבערג

איר זיינט אין אַ וואונדערלאַכער שטימונג, פלאָרא.

פלאָרא

יאָ. אין דערהיים דערמאָנט מען זיך. כ'געדיינקט, גלייך ווי איצט, די בעסעדקא, וואָס כ'האָב אַליין מיט מיינע פריינט געבויט. אַ, ווי ס'פלעג אַנגענעם זיין צו בעסעדאָ־ווען דאָרט! כאַ, כאַ, ווי ס'פאַרגייט שנעל...

שטיינבערג

איך וואָלט פאַרגעלייגט, אַז די אַנדערטהאַלבן מאָנאַטן זאָלן מיר אָן אמת פאַרגעסן אין שטודיום און מיר זאָלן זיך פאַרברייננגען אין אייער בעסעדקא, נאָך וועלכער איר ביינקט אַזוי שיין.

פלאָרא

זייער גוט. מיר וועלן מיטן אָנקל פאָרן. ער קומט זייער אָפט אין שטאָט אריין. אַ, ווי פראַכטפול עס מוז איצט זיין דאָרט. די בוימער, די בערג (שוידערט עטוואָס נער ווען).

שטיינבערג

עמיצער קומט.

פלאָרא

(פריילאַך) אוי, געווים דער פּאַפּאַ (גייט אַנטקעגן).

ירוחם

(קומט אריין. בלייבט שטיין, ווי פרעמד.)

פלאָרא

אַ, דער פעטער! וואָס מאַכט איר, פעטער?

ירוחם

(היימישער, נאָר ברוגז) גאָר ניט. כ'האָב דיך גאָרניט דער־קאָנט. נו, ביזטו שוין טאַקע אַ דאָקטאָרשע?

פלאָרא

נאַ, ס'איז נאָך דאָ גענוג צו לערנען. וואָס מאַכט עפּעס די מומע?

ירוחם

גאָר ניט, וואָס זאָל זי מאַכן? האָסט זי מיר געמאַכט פאַר א לייט!

פלאָרא

כע, כע, וואָס־זשע?

ירוחם

וואָס הייסט, וואָס? פון זינט דו ביזט ביי מיר געווען, האָט זי פון מיר די אָדערן געטרייבערט, כ'זאָל זיי געבן לערנען, די חברה. און אודאי האָט זי אויסגעפירט. א ברירה האָב איך געהאַט, אז אַזא יצר־הרע ווי דו איז געקומען אויף איר קאָפּ!

פלאָרא

ניש־קשה, פעטער, ס'איז גוט אזוי.

ירוחם

ווייס־אך, ס'קאָן גאָר בעסער ניט זיין, גאָר א קלייניקייט.

פלאָרא

א, פעטער, כ'האָב אייך גאָר פאַרגעסן פאָרצושטעלן מיין חתן, כע, כע.

ירוחם

וואָס־זשע לאַכסטו? איז ער טאַקע א חתן, איז דאָך נישטאָ וואָס צו לאַכן. (גיט שטיינבערג'ן די האַנט) שלום עליכם.

שטיינבערג

עליכם שלום.

ירוחם

א היגער?

פלאָרא

פון קאַמאַראַד, פעטער, ער לערנט מיט מיר אין איין שטאָט, אין קיעוו.

ירוחם

טאַקע אויך אויף דאָקטאָר?

פלאָרא

ניין, אויף אינזשינער!

ירוחם

אזוי? אַ איד אַ אינזשינער?

פלאָרא

יאָ, פעטער, ער וועט שטודירן אין אויסלאַנד. איך וועל אים געבן געלט, און ער וועט דאָרט ענדיקן. ווי מיינט איר, ער האָט די ווערט?

ירוחם

(אומצופרידן) מסתמא, מסתמא.

(רחצי און נחמיה קומען אריין.)

פלאָרא

טאַטע, וואָס מאַכסטו?

נחמיה

(פאַרשעמט) כ׳וויים, מ׳פירט געשעפט...

פלאָרא

זיי באַקאַנט, טאַטע, דאָס איז הער באָרים שטיינבערג, מיין פריינט.

נחמיה

(זיך וועלנדיק עפּעס אויסדרייען) שטיינבערג? אויב ניט פון אונזערע שטיינבערגס?

פלאָרא

ניין, פּאַפּאַ. ס׳איז דאָ אויף דער וועלט אַ סך שטיינבערג. נו, וואו איז שוין ערגעץ אונזער יעפים׳טשיק?

רחצי

מסתמא אביסל אין בולוואַר. ס׳איז דאָך הייגט אַ מחייה אין בולוואַר...

ירוחם

און בראָם איז מסתמא מיט אים? אַ?

רחצי

ווייס־אך וואָס!

ירוחם

ביי דיר איז נאָך אַלץ ווייס־אַך...

פלאָרא

ער געהער שוין זיין א גאַנצער קאַוואַליער, אונזער יעפּים?

נחמיה

וואָס מיינסטו? דריי יאָר איז עפּעס ניט קיין קלייניקייט!

ירוחם

אין דריי יאָר קאָן מען שוין טאַקע גאָר אויסוואַקסן אין דער לייננ, אָבער אין שכל, האָב איך מורא, וואַקסט ער אויף צוריק.

רחצי

ווייס־אַך, נו. א חברה-מאַן, וואָס וואָלסטו געוואָלט ער זאָל שוין זיין אַן איבערגעלייגטער מאַן ווי פון פערציק יאָר, ניש־קשה, כּע, כּע, פונדעסטוועגן וואָלסטו זען, וואָס פאַר א שיינע שידוכים מ'רעדט אים!

פלאָרא

אַזוי? ער וועט שוין באַלד אפשר חתונה האָבן. נו, פאַר וואָס נים? ער דאַרף שוין אַלט זיין ביי איין־און־צוואַנציק יאָר.

רחצי

מיר'ן דערלעבן שבועות, ווערט ער.

אירינא

(קומט אין טיר, דאָס קליידל פאַרשטעקט) שוין פאַרטיק דער מיטאָג, כּאַזאַיקע!

ירוחם

און די ממזרים, א כּאָלערא, זיינען נאָך ניטאָ, האָבן אויס־געלערנט, האָבן זיי...

רחצי

לאָז איצטער צורו. (צו אַלע) קומט בעסער עפּעס עסן. איר קערט שוין טאַקע זיין הונגעריק. קומט!

פלאָרא

גייט, איך קום באַלד. איך וועל נאָר ארויסנעמען דעם בוך, וואָס איך לייען. (אַלע גייען אָפּ).

ירוחם

(גייט צו סאָנקעס צימער) און זי, א כאָלערא (אָפּ).

פלאָרא

(בויגט זיך אָן אויף די קני, זוכנדיק א בוך אין דעם טשע-מאָדאנדל, מיט וועלכן זיי זיינען געקומען, זינגט זיך צו א רוסישן ראָמאַנס.)

יעפים

(קומט אריין, בלייבט שטיין, ווי ניט אויף זיין פּלאַץ.)

פלאָרא

(הויבט זיך אויף, דערזעט אים) אַ, יעפים, וואו ביזטו גע-ווען? (נעמט אים מיטביידע הענט, נאָכהער לייגט זי איין האַנט אויף זיין אַקסל, אים צופירנדיק צום טיש.)

יעפים

(פילט, ווי ס'וואָלט אים ברענען דאָרט, וואו ס'ליגט איר האַנט) כ'בין געווען אין בולוואַר.

פלאָרא

(אראָפּנעמענדיק די האַנט) האָסט ניט באַגעגנט בראַמ'ען? ער איז דיך געגאַנגען זוכן.

יעפים

(נערוועז) ניין!

פלאָרא

(ארויסנעמענדיק פון בוך אילוסטרירטע בלומען און לע-בעדיק פאַרטריקנטע בלומען) נו, וואָס מאַכסטו? כ'האָב גע-הערט, ווערסט א חתן.

יעפים

(נערוועז) ס'א ליגן.

פלאָרא

וואָס דאַרפסטו זיך שעמען? ס'איז ניט קיין שאַנדע.

יעפים

אָבער מ'האָט דיך אָפּגענאַרט.

פלאָרא

וואָס־זשע? אַזוי דאַגעגן איז דיר אַ חתן צו ווערן?

יעפים

פאַרוואָס פרעגסטו עס מיך, פלאָרא? כ'קאָן ניט ליידן, אַז מ'רעדט מיט מיר וועגן דעם.

פלאָרא

כ'האָב ניט געוואוסט, יעפימ'טשיק, אַז דו ביזט ניט צו־פרידן. די מאַמע האָט מיר פריער געזאָגט, האָב איך גע־מיינט—אַן אמת.

יעפים

אַ די מאַמע... כ'וויים! כ'קאָן זי ניט אָנקוקן!

פלאָרא

(איבעראַשט) יעפים!?

רחצי

(רופט פון צווייטן חדר) נו, פלאָרא, קום שוין אַריין עפּעס עסן.

פלאָרא

באַלד, מאַמע. (צו יעפימ'ען) יעפים, וואָס האָסטו גע־זאָגט?

יעפים

גאָר ניט! תמיד מישט זי זיך אין מיינע זאַכן.

רחצי

(קומט אַריין) כ'האָב אָבער געהערט, אַז דו רעדסט מיט עמיצן. יעפים, וואו איז בראַם? דער פעטער איז דאָ און ער שפּרינגט שיער פון די כלים.

יעפים

וואָס פרעגסטו מיך? כ'האָב אים באַהאַלטן? גיי זוך אים!

פלאָרא

יעפים, וואָס איז דאָס פאַר אַ ריידן?

רחצי

אוי, טאָכטער מיינע, אַז כ'טראָג פון אים איבער, בין איך שטאַרקער פון אייזן, און גאָט ווייסט, ווען ניט דו, וואָלט איך (זיפצט).

פלאָרא

אזוי? ער איז נאָך אַלץ שלעכט?

רחצי

גאָר ניט צו דערציילן. ווערסט נאָך צייט האָבן זיך צו דער־ווויסן. איצטער קום בעסער עסן (זיי לאָזן זיך גיין).

ירוחם

(קומט, אריינשלעפנדיק סאָנקע'ן) זאָג וואָס דו ליגסט דאָרט פאַרוויינט! (צו רחצי'ן, שטריינג) וואָס ליגט זי פאַרוויינט, פרעג איך! וואו איז בראַם? זאָג!

רחצי

וואָס ווילסטו פון איר, וואָס?

ירוחם

שוין זאָל זי זאָגן, וואָס זי וויינט... דו מיינסט, אַז נאָס־טאַסיא יעפרימ'ס האָט מיר ניט דערציילט, פאַר וואָס ביזט געבליבן אויפ'ן צווייטן יאָר? אז ווי צו דיין שכל, דו.

רחצי

וואָס איז מיט דיר, ירוחם? הערן, וואָס אַ שיקסע דער־ציילט!

ירוחם

איך זאָג דיר, רחצי, זאָלסט מיך ניט דערבייזערן. פאַרענט־פער זי מיר ניט! כ'זע שוין, כ'זע שוין, וואָס פאַר אַ צרה דאָ איז געשען. (צו פלאָרא'ן) דאָס האָב איך דיר צו פאַרדאַנ־קען...

פלאָרא

וואָס איז דען, פעטער?

ירוחם

גאָר ניט! גאָר ניט! שיין לערנט מען אוים אין אייערע שולן, שיין! מ'קען ניט זאָגן.

פלאָרא

אָבער וואָס איז געשען?

ירוחם

פרעג מיך ניט! וואו איז בראָם? שוין פאַקעוועט איין די זאַכן און אַהיים! זוך אים שוין אוים!

סאנקע

מיר קענען נאָך ניט פאָרן, טאַטע, מיר דאַרפן לער....

ירוחם

(שלאָגט איבער) שווייג!! אַ רוח אין דיין טאַטן, רעד ניט!

פלאָרא

אָבער וואָס איז פאָרט, וואָס איז די שול שולדיק, ווען...

ירוחם

(אין זעלבינן טאָן) ווער דען איז שולדיק? וואו דען האָט זי זיך דאָס אויסגעלערנט?

פלאָרא

(זיך וואונדערנדיק) וואָס איז דאָ?

סאנקע

טאַנטע פלאָרא, כ'לעבן ניט די שול... (צעוויינט זיך) כ'זאָל אַזוי אַריבער אין העכערן קלאַס, ווי ניט אין שול האָב איך עס געזען.

ירוחם

וואו דען? זאָג! ווייל כ'וועל דיך דער'הרג'ענען.

רחצי

(קוקט אויף יעפים'ען, וועלכער האָט געהאַלטן די גאַנצע צייט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, אַנגעבלאָזן.)

סאָנקע

(שרעקנדיק, מיט טרערן אין האַלז) טאַטע יעפים דער מור־מע'ס...

ירוחם

וואָס? (ער וואַרפט אויף יעפימ'ען א גזלנ'ישן קוק, טוט א צוויי פינטל מיט די אויגן. קענטיק, ער וואָלט אלעמען צעריסן. ער לאָזט זיך, רעווענדיק, צו יעפימ'ען) אוי, א רוח אין דיינע ביינער! (כאַפּט אים ביים האלז וואַרגען).

יעפים

(ראַנגעלט זיך, כאַרכלענדיק.)

(רחצי, פלאַרא מאַכן א קווימשעריי: „פּעטער", „ירוחם"!! שטיינבערג, נחמיה לויפן אריין, ווען ער האָט אים שוין אָפּגעלאָזט, פרעגן איבער־ראשט: „וואָס איז דאָ"?)

ירוחם

(לאָזט זיך אָן ווערטער צו דער טיר, שילטנדיק פאַר זיך: „מ... כאָלערא...")

יעפים

(בלייבט זיצן מיט פאַרטראַכט-ווילדע אויגן, האלב ארויס־שטופּנדיק די צונג מיט די ליפּן, וויא יינער רעדט: אָבער האָסט מיך ניט דערוואָרגן.) ....

(פאָרהאַנג פאַלט לאַנגזאַם.)

דריטער אַקט

(דאָס זעלבע חדר. נחמיה מיט שמערלען זיצן ביים טיש)

נחמיה

(שטאַרק געענדערט אין דער קורצער צייט, קוקט אויס פיל עלטער.) נו, גיט אהער דאָס מיר שוין, ווייל ס'איז קיינער נישטאָ.

שמערל

פאַר וואָס ניט?

נחמיה

גיכער.

שמערל

פאַר וואָס ניט, אָט שוין. (שלעפּט אַ פלעשל פון קעשענע לאַנגזאַם) איר'ט מיר געזונט זיין, ר' נחמיה, איר ווייסט, כ'דאַרף דערפאַר יענעם אויך באַלד באַצאָלן.

נחמיה

אוי זענט איר, איר זאָלט מיר מוחל זיין, אַ שלעפּער. (גיט אים געלט) וואָס־זשע, כ'אַנטלויף שוין?

שמערל

(אַריינלייגנדיק פּאַוואָלינקע דאָס געלט) חלילה, ווער זאָגט עס? נאָר איר ווייסט דאָך, מ'זאָגט, אַז פאַר משקה איז גלייכער וואָס פריער צו נעמען געצאָלט, אָבער ווער רעדט דען, חלילה, פון מורא האָבן? האָסטו דיר—אַנטלויפן!

נחמיה

(נערוועז) נו, לאָז שוין זיין גענוג, גיט אהער עס.

שמערל

(גיט אים א פלעשל ספירט) פארנוצט עס געזונטערהייד. איר וועט דאך נאך דארפן, וועט איר מסתמא קריגן ביי מיר נאך.

נחמיה

(ארײנלייגנדיק דאס פלעשל אין הויזן־קעשענע) צי איך וועל דארפן, נו, א שיינע פראגע? ווען איר האט נאר צייט, ס'הייסט, ווען איר קאנט זיך נאר ארײנכאפן, איז ברײנגט. ווען ניט דאס שלאפקייט, בין איך מיר זיך דורכ־געגאנגען אין גאס און האב מיר אויסגעטרונקען אביסל. מיין רחצי האט אביסל געשריגן, נאר וואס? מילא, אויס־געטרונקען, איז דאך פארפאלן, א? פון זינט אבער איך בין קראנק, האלט זי מיך גוט אין די הענט, מחמת אין שטוב אריין טאר ניט ארײנקומען פון דעם ביטערן, ניט קיין לעק.

שמערל

איר'ט מיר מוחל זיין, ר' נחמיה. ווי קומט עס, איר זאלט מיר געזונט זיין, אז איר זאלט ניט קאנען האלטן טאקע עטלאכע פעסלאך גוטן ווײן און טאקע א גוט ביסל בראנפן אויך? כ'וויים, קיין עין־הרע א בעל־הבית, און האט עס ליב אויך, איז וואו שטייט עס געשריבן, א מ'טאר ניט?

נחמיה

געשריבן שטייט עס טאקע ניט אין ערגעץ, נאר מיין רחצי האלט אין איין שרייען, אז ס'שאדט צום געזונט.

שמערל

כע, כע, כי, כי! וואס א אידענע פאלט איין, דאקטוירים זאגן, אז אביסל משקה גיט קראפט...

נחמיה

(שלאגט אים איבער) און פראפעסארן, זאגט זי, זאגן, אז משקה איז דער ערגסטער סם פאר די מענטשן, און גיי זאג איר, אז ניין. אז זי איז ניט פשוט א אידענע, נאר זי האט,

פארשטייט איר מיך, נאָך א צייט נאָך דער חתונה גענוג אריינגעקוקט אין די ביכער...

שמערל

(ווי געפאלן אויפדער נאָז) אַ! טאַקע דערפאר, זאָלט איר מיר געזונט זיין, האָט אייער טאָכטער גענומען שטודירן דאָקטאָריע...

נחמיה

(געזיגט) און דערפאר טאַקע לוינט זיך ניט שטארק צו שפּארן מיט מיין רחצי'ן. וואָרים ווען איך זאָל טאַקע וועלן, פיר איך דאָך אוים. (מעשה בעל־הבית) מחמת איך בין דאָך פאָרט באַלעבאָס! באַלעבאָס איבער אַלצדינג! אָבער, איר פארשטייט, ס'פּאַסט דאָך פאָרט ניט: א קינד לערנט אויף דאָקטאָר, אַ? ווי זאָגט איר?

שמערל

הכלל, הייסט עס, זאָל איך אייך ברייגען נאָר צו קליינע פּלעשלאַך?

נחמיה

וואָס דען? נאָר איר זאָלט זען, שמערל, אז ס'זאָל אייך קיינער ניט באַמערקן.

שמערל

דאָס פארלאָזט אייך שוין אויף...

נחמיה

(כאַפּט זיך אויף דערשראָקן, הערנדיק עמיצן קומען.) איר'ט זיין אזוי גוט און נעמען דעם דרך, וואָרים... וואָרים איך גיי אויך אוועק (אָפּ צו זיך אין צימער).

שמערל

(צו דער טיר, באַגעגנדיק פלאָרא'ן מיט יעפּימ'ען) האָט ניט געזען דעם טאַטן? געזונט זאָלט איר זיין, כ'וואָלט אים באַדאַרפט עפּעס האָבן...

פלאָרא

דער טאַטע איז קראַנק און מ'קאָן אים איצט ניט זען.

שמערל

אזוי? ט'ע, ט'ע, קראַנק? נו, וועל איך אים שוין זען אַן אַנדערש מאָל. אַ גוטן טאָג אייך, קינדערלאַך (אָפּ).

פלאָרא

דאַרפסט זיך פאַר מיר ניט באַהאַלטן, ווייסט דאָך, כ'בין דיין שוועסטער, און כ'האָב רחמנות אויף דיר. איצט וועל איך דיר אפשר נאָך קענען העלפן. שפּעטער מיט עטלאַכע טעג וועל איך שוין האָבן אָוועקגעפאָרן אויף עטלאַכע יאָר, און פון דערווייטנס קען מען גאָרניט העלפן.

יעפים

אַז ס'איז אַזאַ זאַך, וואָס כ'קאָן ניט דרעציילן.

פלאָרא

נו, זאָלסטו ווּיסן! די מאַמע איז געווען מיט מיר ביים פעטער ירוחם אין דאָרף, און זי וויל אים אָוועקגעבן אַ האַלב פאַרמעגן, אַבי ס'זאָל ניט ווערן עפנטלאַך קיין סקאַנדאַל. די מומע וויל נאָך ניט, ווייל זי האַלט פון דיר גאָר ווייניק. דער פעטער אָבער וועט זי אפשר איבעררײידן, און דערמאָלט מוזטו מיט סאָנקע'ן חתונה האָבן. זי איז אַ שיין מיידל, אַ געזונטע, און דו דאַרפסט זי ליב האָבן.

יעפים

אָבער אַז כ'קאָן ניט.

פלאָרא

ווי אַזוי־זשע האָסטו זי דעמאָלט ליב געהאַט?...

יעפים

כ'האָב זי דעמאָלט אויך ניט ליב געהאַט!

פלאָרא

האָסט זי יאָ ליב געהאַט. אַט האָסטו מיך ניט ליב, היטסטו זיך אפילו מיך אָנרירן, און סאָנקע האָט מיר דערציילט, אַז דו האָסט זי דעמאָלט... געקושט.

יעפים

ווייל כ'האָב מיר געטראַכט, אַז ס'איז בראַס...

פלאָרא

(פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע, נאָכהער פרעגט זי אים) זאָג מיר, יעפים, ווען מ'רעדט דיר אַ שידוך מיט אַן אַנדער מיידל, אַט ווי מיט בראָוערמאַנ'ס שיינער מיידל, וואָלסטו זי ליב געהאַט?

יעפים

כ'האָב ניט ליב קיינע מיידלאַך.

פלאָרא

מ... (נאָכדיינקענדיק) זאָג נאָר, האָסטו בראַמ'ען שטאַרק ליב?

יעפים

(אַרויסכאַפּנדיק זיך) יאָ!

פלאָרא

(איילנדיק) און מיט אים וואָלסטו חתונה געהאַט?

יעפים

(לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און שווײַגט.)

פלאָרא

וואָס שווײַגסטו, מוזט מיר זאָגן דעם אמת.

יעפים

וויל איך ניט!

פלאָרא

זאָג דעם אמת, וועל איך טאָן פון דײַנעט וועגן וואָס דו וועסט פאַרלאַנגען.

יעפים

יאָ, כ'האָב בראַמ'ען בעסער ליב פון אַלע מיידלאַך.

פלאָרא

מ.. מ...? (פּאַוזע) דו ווייסט ניט, יעפים, וואו ס'וואוינט דאָקטאָר סקלאַר, וועלכער קומט צום טאַטן?

יעפים

כ'ווייס!... ניט...

פלאָרא

ווייסט יאָ, גיי רוף אים!

יעפּים

וויל איך ניט! וואָס ווילסטו טאָן?

פלאָרא

האָב קיין מורא ניט, כ'דאַרף מיט אים ריידן וועגן מיין לערנען.

יעפּים

שווער זיך.

פלאָרא

אויף מיין ערן־וואָרט, נו, גיי!

רחצי

(קומט אויף די לעצטע ווערטער) וואוהין איז? אפשר וואָלט ער איצט ניט אוועקגעגאַנגען. דער פעטער ירוחם דאַרף קומען באַלד און לאָמיר וויסן, וואו מיר האַלטן אויף דער וועלט.

פלאָרא

וואו מיר האַלטן, וועל איך דיר זאָגן. מאַמע, איך וועל ניט לאָזן יעפּים זאָל חתונה האָבן.

רחצי

(זיך דערמאָנענדיק אירע צרות) וואָס מיינסטו! ס'איז מיר ניט אַ רחמנות אויף סאָנקע'ן... אָבער ער האָט זי דאָך אומגליקלאַך געמאַכט...

פלאָרא

דיין רחמנות איז עפּעס אַנדערש און מיין אויך אַנדערש. דו האָסט רחמנות אויף סאָנקע'ן, וואָס זי איז פאַרפירט פון דיין שוואַכזיניקן זון, און איך באַדויער דיין זון פאַר וואָס ער האָט זי ניט פאַרפירט אַלס „מאַן“, נאָר אַלס „אַבנאָרמאַלער עראָטיקער“. דו פאַרשטייסט, מאַמע, ער איז נאָר אַ „סעקסועלער קראַנקער“ אַ האָמאָ־סעקסואַליסט“ און ער פילט נאָר ניט, ווי אַ מאַן.

רחצי

פלאָרא, וואָס רעדסטו? דער דאָקטאָר אַליין האָט דאָך מיר געראָטן אים חתונה צו מאַכן. וואָס־זשע איז דער...

פלאָרא

אָ, מאַמע, פרעג מיך ניט איבער, כ'האָב שוין ביי אים אויסגעפונען אַלעס.

רחצי

וואָס ער וועט דיר דערציילן!

פלאָרא

מאַמע! (שטריינג) ער איז שוואַכזיניק, ער ווייסט דער־פאַר ניט, ווי אַזוי צו ליגנערן אין אַזאַ פאַל. ער האָט מיר דערציילט, וואָס ער פילט. און אויב דו ווילסט זיך שטאַרק ניט פאַרלאָזן אויף מיין מיינונג אַליין, דאַן רוף דאָקטאָר סקלאַר און מיר וועלן הערן, וואָס ער וועט איצט זאָגן.

רחצי

פאַרקערט, לאָמיך זען, געפין עפּעס דו אויס. האָב איך דען די גאַנצע צייט ניט געשריגן, ער זאָל גיין צו אַ דאָק־טאָר, נאָר וועמען הערט עס דען, אַז דער טאַטע אַליין איז אין דער ערד מיטן קאָפּ, און איך בין שוין אָן כוח געבליבן.

פלאָרא

נו, פאַרוואָס־זשע שטייסטו. ניי, יעפים, רוף דעם דאָק־טאָר שוין!

רחצי

מ'דאַרף ניט גיין. ער וועט באַלד זייןביים טאַטן, וועלן מיר שוין הערן.

פלאָרא

וואָס איז איצט מיטן טאַטן? וואו פילט ער ניט גוט?

רחצי

כ'ווייס? די קרייזשעס ברעכן אים, זאָגט ער.

פלאָרא

און וואָס זאָגט דאָקטאָר סקלאַר?

רחצי

עפּעס אזא קאטאר, זאָגט ער, איז עס.

פלאָרא

גיי נאָר, יעפים, ברייננ מיר אריין די מיקסטור.

יעפים

(אָפּ צום אַלטן.)

רחצי

איצטער וועט זיך אָנהויבן א נייעס. האָסט מורא, אז ירוחם וועט הודאי שווייגן?

פלאָרא

קאָנסט דיין ברודער ירוחם אוועקגעבן א האַלב פארמעגן אָן דיין זון. ווייסט דען, וואָס ס'וואָלט פאָרגעשטאַנען דעם קינד, סאָנקע'ן, איבערצוטראָגן. ער איז דאָך איינער פון די אומגליקלאַכסטע מענטשן. (טראַכט א ווײַלע) און ווער ווייסט, פון וואַנען דאָס שטאַמט...

יעפים

(קומט מיט א פלעשל „בעשעמ'ס מיקסטור“, א פּידעלע נאָקאָלן פלעשלאַך. ער גיט עס פלאָרא'ן.)

פלאָרא

(קוקט איבער די מיקסטורן, פארטראַכט זיך שטוינענדיק, לייענט נאָכאַמאָל איבער די בלעטלאַך אויף די מיקסטורן אין זיך, עפנט א נאָקאָל-פלעשל און ווערט בלאַס.)

רחצי

וואָס? ער איז טאָקע געפערלאַך?

פלאָרא

(שאָקלט מיטן קאָפּ „ניין“.)

רחצי

וואָס-זשע דען?

פלאָרא

גאָר ניט. (נעמט אויטאָמאַטיש די מיקסטורן און לאָזט זיך גיין.)

יעפּים

ער שלאָפט, דאַכט זיך, דער טאַטע.

פלאָרא

(בלייבט שטיין, טראַכט אַ ווײַלע און לאָזט זיך ווייטער גיין.)

נחמיה

(קומט אַריין, שטאַרק שוואַך) ווער האָט עס זיך געפּאַ־רעט מיט מיינע פלעשלאַך, כ׳דאַרף שוין איינעמען דעם רעצעפּט.

פלאָרא

קום, איך וועל דיר איינגעבן.

נחמיה

כ׳בין נאָך ניט אַזוי קראַנק, כ׳קאָן נאָך אַליין איינעמען אַ רעצעפּט.

פלאָרא

(פירט אים צום טיש) זעץ דיך דאָ אַנידער, טאַטע.

נחמיה

(אומצופרידן) זיץ איך, נו.

פלאָרא

מאַמע, יעפּים, איר׳ט מיר אַנטשולדיקן, כ׳וועל בלייבן אַליין מיטן טאַטן אויף אייניקע מינוט.

רחצי

(זיפצט, שאָקלט מיטן קאָפּ. אָפּ.)

יעפּים

(אָפּ נאָך איר.)

פלאָרא

(נאָך אַ קורצער ווײַלע) כ׳ווייס ניט, טאַטע, צי האָט זיך אַ משוגע׳נער געדאַנק פאַר׳גנב׳עט צו... (באַטראַכט נאָכ־

אמאָל די מיקסטור) טאַטע, דו ווייסט, אַז ביזט ווענעריש
אָנגעשטעקט?...

נחמיה

וואָס מיינסטו?

פלאָרא

(מיט אַ ציטערנדיקער שטים, שטיל) כ'מיין, ביזט געווען...
נו, בעסער צווינג מיך ניט אויסצורייד(ן... ביזט ווענעריש
קראַנק!

נחמיה

(דערשראָקן) ווייס-אַך ווי דאָס הייסט, אודאי בין איך ניט
געזונט, איז וואָס פעלט דיר איין!

פלאָרא

זעסט? (ווייזט אים די מיקסטורן) דאָס איז מעדיצינע
קעגן ווענערישער קראַנקהייט...

נחמיה

(שלאָגט איבער) וואָס זאָל איך ווי(סן, וואָס פאַר אַ מעדי־
צין דער דאָקטאָר גיט מיר, וואָס ווילסטו?

פלאָרא

זאָלסט מיך ניט נאַרן, דערצייל דעם אמת, ווען מען פרעגט
דיך.

נחמיה

וואָס זאָל איך דערציילן, וואָס? (מ'הערט עמיצער קומט)
שאַ נאָר, כ'בעט דיך, פרעמדע מענטשן קומען. האָסטו גע־
זען!...

דאָקטאָר

(קומט) נו, וואָס מאַכט דער חולה?

פלאָרא

זייער גוט, גאָספּאָדין סקלאַר, וואָס איר זענט געקומען.

דאָקטאָר

וואָס איז עפּעס גוט?

פלאָרא

ס'איז אפילו ניט זייער אנגענעם צו ריידן וועגן אזעלכע זאכן, דאָך וועל איך מיר דערלויבן אָן פאָרוועטער אייך צו פרעגן וועגן וואָס כ'האָב פלוצלונג באקומען א פאַר־דאכט. גאָספּאָדין סקלאַר, מיין פאָטער איז וועגעריש אָנ־געשטעקט.

דאָקטאָר

יאָ, נו, כ'ווייס, און היילן אים.

פלאָרא

ער לייקנט אָבער יעדע אָנשטרייכונג צו וויסן...

דאָקטאָר

גאנץ איינפאך, ווייל איר פרעגט אים געוויס, ווי אַן אויפ-גערעגט קינד, און ניט ווי א דערפאַרענער דאָקטאָר.

פלאָרא

דאַן, בעט איך אייך, הער סקלאַר, פרעגט איר אים אלס דערפאַרענער דאָקטאָר, און איך וויל דאָך וויסן ווי אזוי ס'האָט געקענט געשען?

דאָקטאָר

איך האָב אים שוין געפרעגט און ווייס שוין. אייער פאָ־טער איז געווען אָנגעשטעקט נאָך פאַר דער חתונה און מיט דער צייט איז די קרענק ביי אים געוואָרן כראָניש. מ'האָט אים ניט אינגאנצן פאַרהיילט, און צוריק מיט זעקס יאָר, דאָס הייסט, ניינצן יאָר נאָך דעם, האָט זיך די קרענק אָנגערופן. שוין זעקס יאָר, אז איך הייל אים ציייטנווייז. איצט קענען מיר אפילו דערוואַרטן א „נערוועז־פאַראַליזים".

פלאָרא

(פאַרקלעמט נערוועז די ליפּן, געטראָפן ווי מיט א דובינע.)

דאָקטאָר

איר דאַרפט ניט זיין איבערראַשט, פריילין, איר לערנט

מעדיצינע און איר וועט, אַלס דאָקטאָר, באַגעגענען אַ סך אַזעלכע פאַלן.

פלאָרא

(בלאַס) מ... הער סקלאַר, פאַר דער חתונה נאָך, פאַר דער חתונה...

דאָקטאָר

נו, איז וואָס? ס'איז דאָך שוין פאַראיבער.

פלאָרא

(פאַר זיך) און איך?!

דאָקטאָר

וואָס מיינט איר „איר“?

פלאָרא

(צעבראָכן, אין טרערן) איך בין אַ פרוכט פון אַ ווענערישן קראַנקן. (היסטעריש) מאַ־מע! מאַ־מע!... (צעוויינט זיך ביטער).

דאָקטאָר

בארואיקט אייך, ס'פּאַסט גאָר ניט פאַר קיין צוקונפטיקער דאָקטאָרין.

פלאָרא

(זיך ניט באַהערשנדיק) דאָקטאָר?... כ'האָב שוין געענדיקט מיין שטודיום, כ'בין אַ... (קען ניט פאָרטזעצן, וויינט ביטער).

(שטיינבערג און רחצי קומען.)

שטיינבערג

וואָס איז מיט אייך, פלאָרא?

רחצי

דאָס האַרץ האָט מיר אָבער געזאָגט.

שטיינבערג

(בעטענדיק) פלאָרא, וואָס איז מיט אייך?

פלאָרא

(שלינגענדיק טרערן) געענדיקט אונזער שטודיום...

שטיינבערג

(בלייבט ווי ניט וויסנדיק, וואָס דאָ טוט זיך.)

דאָקטאָר

אָבער כ'פאַרשטיי ניט, וואָס דאָס קער זיך אָן מיט אייער שטודיום?

פלאָרא

איר פרעגט עס? קאָן איך ניט צווייפלען אין מיין נאָרמאַ־ליטעט, ווען כ'האָב אַ װענעריש־קראַנקן פאָטער און אַ ברודער אַ „האָמאָ"?

דאָקטאָר

דאָס איז אָבער אַלץ אַ קליינער באַוויז וועגן אייך, ווען ס'האָט נאָר מיט אייך ניט געטראָפן קיינע אַבנאָרמאַלע עקסצעסן. זיינט איר פולקאָמען געזונט?

פלאָרא

(חזר'ט איבער) פולקאָמען געזונט. (ביטער) וועלן מיינע קינדער אויך זיין פולקאָמענע?...

דאָקטאָר

דאָס קאָן איך אייך שוין ניט זאָגן.

פלאָרא

און איר דאַרפט עס מיר ניט זאָגן. מיין ברודער איז אַ „האָמאָ סעקסועלער"... און איך טאָר קיין קינדער ניט ברייננגען.

דאָקטאָר

האַלט איר אפשר פון דער היפּאָטעזע, אַז קינדער זיינען געראָטן אין ווייב'ס ברודער?

פלאָרא

לאַכט ניט, הער סקלאַר, די היפּאָטעזע איז פאַקטיש באַ־שטעטיקט.

רחצי

וואָס איז צו ריידן נאַרישקייטן, אַ גוטער משל, נו!

שטיינבערג

אָבער דאָס איז, מיר דאַכט, ניט מער ווי „פּאָלק'ס פּראַזע“.

פלאָרא

כ'וויס, אין וואָס פאַר א לאַגע איר געפינט זיך, שטיינ־בערג. זייט רואיק, כ'וועל האַלטן מיין פאַרשפּרעכן, אייך צו העלפן מאַטעריעל אין אייער שטודיום. אייער ליבע אָבער דאַרפט איר שיינקען א געזונטער פרוי, וועלכע וועט אייך ברייננען נאָרמאַלע קינדער. (וויברירנדיק) פון מיר קאָנט איר עס ניט דערוואַרטן.

שטיינבערג

(בעטענדיק) פלאָרא, בין איך טאַקע ניט מער ווי אויס־גערעכנט מאַטעריעל צו אייך צוגעבונדן? כ'בעט אייך, דענקט עס ניט.

פלאָרא

(שלינגענדיק טרערן, אָפּשטויסנדיק שטיינבערג'ן גרינג פון זיך) א, כ'בעט אייך (ציענדיק דעם אָטעם היסטעריש), כ'בעט אייך, גייט פון מיר... איר מאַכט מיר שווערער... איר מאַכט מ... (צעוויינט זיך שטאַרק, וואַרגענענדיק זיך מיט די טרערן).

רחצי

(וויינענדיק) קינד מיינס, וואָס איז מיט דיר? וואָס פאַלט דיר איין?

פלאָרא

(וויינט ביטער, שטיל.)

רחצי

דאָ איז יאָ מקוים געוואָרן דאָס ווערטל: „עלטערן זינדיקן און קינדער קומען אָפּ. (צו נחמיה) נו, זע, קוק וואָס האָסט פון אונז געמאַכט. (וויינענדיק פאַר זיך) די איינציקע טרייסט מיינע, די איינציקע טרייסט. (כליפּעט) פאַר וואָס?

נחמיה

(זיך פילנדיק זינדיק, זאָגט צום דאָקטאָר) אפשר קאָן מען עפּעס טאָן דערצו, פאַרקערט, בין איך גרייט צו געבן מיין גאַנץ פאַרמעגן...

דאָקטאָר

צו שפּעט, ליבער הער! פאַר קיין פאַרמעגן קען מען ניט קויפן קיין נאָרמאַל לעבן, נאָרמאַל געזונטע קינדער און געזונטע דורות נאָך זיך דאָן, ווען מען פאַרשפּילט עס פאַר דער חתונה דורך איינציקע לייכטזיניקע האַנדלונגען. אייער טאָכטער האָט רעכט. זי וויל ניט איבערלאָזן נאָך זיך קיין „ירושה דיספּאָזיציע“ פון „אבנאָרמאַלע באַשעפעניש ן“, וואָס דאָס קאָן זייער לייכט זיין. און דאָס נעמלאַכע האָט א י ר געדאַרפט טאָן, ווען איר האָט געוואוסט, אז איר זענט אַזאַ איינער...

נחמיה

וואָס זאָל איך געוועזן וויסן? כ'האָב דעמאָלט בפירוש געפרעגט דעם דאָקטאָר... הע, גיי ווייס!...

פלאָרא

יאָ, ניט ער איז שולדיק, הער סקלאַר, ניט ער... שולדיק זיינען די דאָקטוירים עם־הארצים, וואָס היילן אַזעלכע נאָכלעסיקע־קראַנקע און דערמוטיקן זיי חתונה האָבן. שולדיק זיינען די, וואָס גויטן אַזעלכע, ווי מיין ברודער, צו דער הייראַט פאַר פרויען, ניט באַרעכענענדיק די ליידן, וואָס שטייען פאַר דער פרוי, און די פרוכט נאָך זיי. שולדיק זיינען די געזעצגעבער, וואָס נעמען ניט אָן די שטרייִנגסטע מיטלען געגן די מיאוס'קייטן, וואָס ברייִנגען אַזעלכע טרויעריקע פאָלגן פאַר אונז. יאָ, הער דאָקטאָר, ניט שולדיק זיינען די, וואָס האָבן שוין געזונקען אין דעם דאָזיקן אָפּגרונט, נאָר שולדיק זיינען די, וואָס פאַרשטייען און זעען די שרעקלאַכע פאָלגן מיט אָפענע אויגן און פאַרשווייגן דאָס צוליב זייער אייגענעם אינטערעס!

דאָקטאָר

נו, ליבע פריילין, ביז וואַנען די שולדיקע וועלן זיך פילן שולדיק, דערווייל וואָלט איך אייך געראָטן פאָרטצוזעצן דאָס, וואָס איר האָט פאָרגענומען, און מעגלאַך, אַז איר וועט זיין איינע פון די, וועלכע וועלן אָנווענדן שטרייננגע מיטלען פאַר אַ בעסערער אָרדענונג געגן די מיאוס'ע איינ־פלוסן פון דער סביבה. און ווייטער... הע...

פלאָרא

און ווייטער... ווי איך פאַרשטיי... (מיט אַ זיפץ) יאָ, איך פאַרשטיי טאַקע, אַז ביז וואַנען די שולדיקע וועלן זיך פילן שולדיק, וועלן נאָך געגוג אומשולדיקע פאַרשולדיקט ווערן. וועט אָבער אמאָל זיין אַן ענדע דערצו? שווער צו זאָגן— ווען, הער דאָקטאָר! די מענטשהייט האָט פראָגרעסירט— „קולטורעל־פיזיאָנאָמיש“. אָבער „פסיכיש“ זיינען מיר צור־ריקגעשטאַנען, אויב ניט רעגרעסירט! איך וואָלט ניט מורא געהאַט צו זאָגן, אַז די פסיכישע אַבנאָרמאַליטעטן, וואָס קומען צו אונז דורך די אַלעמאָל ניי־אויסגעטראַכטע שעדלאַכע געגוס-מיטלען, וועלן אונז ברייגגען צו אַ צור־שטאַנד פון „כראָניזם“, פון כראָנישער משוגעת! און דאָס איז נאָר דערפאַר, ווייל אַזוינע ווי איר זאָגן זיך קאַלט: „אפשר וועט איר זיין איינע פון די, וועלכע וועלן אָנ־ווענדן מיטלען געגן די מיאוס'ע איינפלוסן פון דער סביבה“. נו, און איר? און איר וואו זענט?! איז טאַקע פאַר אייך געגוג נאָר צו געבן עצות? (סאַרקאַסטיש) האַ, אַ גרויסן דאַנק אייך...

דאָקטאָר

יוגנט!... נישט נויטיק אייער אויפרעגונג. איר וועט זיך אויסניכטערן, וועט איר זען, אַז מ'קאָן אַזוי ניט דענקען. אַ גוטן טאָג. (אַפּגייענדיק) מיר וועלן נאָך ריידן וועגן דעם אַן אַנדערש מאָל (אָפּ).

יעפים

(לויפט אריין, וויל עפעס זאָגן.)

רחצי

פון וואנען לויפסטו עס אזוי?

יעפים

כ'וואָלט... כ'וויל זאָגן פלאָרא'ן, אז...

רחצי

גיי! לאָז זי איצטער אָפּ.

פלאָרא

זאָל ער זאָגן, מאַמע. זאָג, וואָס ווילסטו, יעפים?

יעפים

כ'האָב געזען אין מארק אָנקומען דעם פעטער ירוחם מיט סאָנקע'ן, האָב איך געוואָלט זאָלסט אים זאָגן דאָס, וואָס האָסט דער מאַמען געזאָגט...

פלאָרא

כ'וועל אים זאָגן, יאָ. דערווײַלע גיי דיר ערגעץ אוועק. כ'בעט אייך, מאַמע, טאַטע, לאָזט מיך איבער מיט הער שטיינבערג'ן, כ'דאַרף מיט אים עטוואָס ריידן.

רחצי

פאָלג מיך, קינד, נעם דיר ניט קיין שלעכטן געדאַנק (פאַר זיך) מיין איינציקע טרייסט, צו וואָס כ'לעב (ווישט זיך די טרערן).

נחמיה

איך וואָלט אייך גאָר געראָטן, איר זאָלט אַלע גאָר אוועק־גיין פון הויז, וואָרים אַז דער דאָרף וועט קומען, וועט גאָר ניט זיין פריילאַך (ער הויבט זיך אויף צו גיין, דאָס פלעשל גליטשט זיך ארויס פון זיין קעשענע אומבאַמערקט פון אים. אָפּ).

שטיינבערג

אין אמת'ן, וואָלט איר איצט די אויפרעגונג מיט אייער אָנקל ניט באַדאַרפט.

פלאַרא

(הויבט אויף דאָס פלעשל, באטראַכטענדיק) פון גרויס אויפרעגונג האָט מיין טאַטע זיין ליב פלעשל פארלוירן און איך... (שטעלט דאָס פלעשל אויפן טיש) באטראַכט...

רחצי

(גייענדיק צו דער טיר) אָט קומט ער שוין, סיי־ווי.

ירוחם

(קומט מיט סאַנקע'ן) גאָט העלף, אלע קיין עין־הרע דאָ. דער תכשיט אויך, גלייך ווי מ'וואָרט שוין אויף תנאים. דער גוטער יאָר ווייסט אייך, א שטיקל אַרבעט מיר אָנ־געהאַנגען, נו! אז ס'גייט בארג ארויף, דאַרף מען דערצו נאָך אליין דעם וואָגן אונטערשטופן, א כאָלערא... איך אליין בין זייער צופרידן פון דער גאַנצער פּאַנטאָמימע, האָב איך נאָך באדאַרפט איינריידן דער מומע שלימע, זי זאָל באשטיין...

פלאַרא

ווי קומט עס טאַטע, אז צוליב געלט זאָלט איר...

ירוחם

(איבערבייטענדיק דעם טאָן) כ'פארשטיי, אז ס'איז דיר אַוודאי שווער זיך צו צעטיילן מיט מיר, נאָר דאָס האָב צו דיין ברודער טענות, ניט צו מיר!

פלאַרא

און אז מיר וועלן אייך געבן, פעטער, א האַלב פארמעגן אַן מיין ברודער, זענט איר צופרידן?

ירוחם

(ניט פארשטייענדיק) וואָס הייסט?

פלאַרא

פשוט, מיר וועלן אייך געבן געלט, אייער סאַנקע זאָל קאָ־נען פאַר דעם חתונה האָבן מיט אַן אנדער יונגערמאַן.

סאַנקע

(בלייבט אַנגעבלאָזן.)

ירוחם

אָט אַזוי־זשע זאָג! אַזוי איז עפּעס אַנדערש... כ׳פאַרשטײ׳, פלאָרא, אַז דו ביזט גאָר נישט קיין נאַריש מיידל, נײן טאַקע, כ׳זע, אַז...

פלאָרא

(שלאָגט אים איבער) נו, זייער גוט, וואָס איר זעט און פאַרשטייט! נו, און ווי פאַרשטייסטו, סאָנקע? ביזט אויך צופרידן? וועסט חתונה האָבן מיט א שענערן פון יעפּים׳ען.

סאָנקע

(ציט מיט די אַקסלען און שאַרט מיטן פוס אין פּאָל אויף „ניין״.)

ירוחם

שטיל, דו שיקסע!

פלאָרא

שרייט ניט, פעטער, לאָזט זי ריידן. וואָס זאָגסטו, סאָנקע, ווילסט ניט קיין אַנדערן, נאָר יעפּים׳ען?

סאָנקע

(שווייגט, כאַפּנדיק א קוק מיט מורא אויפן פאָטער.)

פלאָרא

מ...?

סאָנקע

(שאָקלט מיטן קאָפּ אויף „יאָ״.)

ירוחם

וואָס? (לאָזט זיך זי שלאָגן).

נאסאראג

(א דאַרער בחור, מיט קליינינקע אויגעלאַך, א לאַנגן קרום־מען נאָז, כמעט אָן אויערן, מיט א שפּיציקן קאָפּ—קורץ אָן „אוראָד״, אָדער ווי מען באַצייכנט עס אין אידיש, א „פאַרזעעניש״, ווערט אַריינגעשטויסן אין טיר.)

יעפים

(מיט שרעק) וואָס דאַרפסטו דאָ? (ס'באַווייזן זיך פּאָליציי).

נאַסאַראַג

(אין איילעניש, צווישן די ציין) ווער פאַרשטומט, זאָג, אַז דו קאָנסט מיך ניט. (טוט אַ כוואַליע פינטלען מיט די אויגן).

(אַ באַאַמטער מיט גורעוויטש'ן קומען.)

גורעוויטש

(ווייזט אויף יעפים'ען) אָט דאָס, ווייזט אויס, איז ער!

באַאַמטער

איז דאָס אייער זון?

רחצי

יאָ, וואָס איז דען?

באַאַמטער

ער ווערט באַשולדיקט, צוזאַמען מיט דעם לומפּ (אויף נאַסאַראַג'ען) אין פאַרפירן דעם מאַנ'ס צען־יאָריקן אינגעלע אויף אַן אומנאַרמאַלן עקסצעס, און ער ווערט אַרעסטירט.

פּאָליציי

(נעמען יעפים'ען.)

פלאָרא

אַ מינוט!

רחצי

(צו יעפים'ען) וואָס האָסטו געטאָן, גזלן?

יעפים

(דערשלאָגן) האָסטו ניט געזאָלט צונעמען בראַמ'ען...

פלאָרא

אייער פּייניקן אים וועט אייך גאָר ניט העלפן און אים ניט פאַרבעסערן. מ'דאַרף אים, נאָך מיין מיינונג, היילן, אויב מ'קאָן.

באַמטער

וואָס מ׳דאַרף טאָן, וועט מען אייך ניט פרעגן.

שטיינבערג

(מיט פייער) דאָס געזעץ פרעגט קיינמאָל ניט קיינעם און האַלט פאַר פאַרברעכער די, וואָס טרעטן אַריבער אירע טויטע פאַרשימלטע בלעטער, דאָס איז אמת! דאָס געזעץ זוכט ניט אויסצוראַמען די שעדלאַכע געגנום־מיטלען, וועלכע פירן צום פערוועזיום, נאָר זיי באַשטראָפן דעם אומגליקלאַכן פסיכאָפאַט, וועלכער האָט קיין באַגריף ניט, פאַר וואָס מען באַשטראָפט אים.

באַאַמטער

איר וועט זיין אַזוי גוט, יונגערמאַן, און געריכט דאָס דערציילן. דערווייל איז אייער ברודער, צי ווער ער איז, אַ געפאַר אין דער געזעלשאַפט.

יעפים

אַזוי? ווער האָט אייך געזאָגט?

פּאָליציי

נו, קום, אידיאָט (שלעפּן אים).

יעפים

(רייסט זיך) וויל איך ניט! לאָזט מיך אָפּ!

פלאָרא

(פאַרשטעלט זיך די אויגן מיט ביידע הענט.)

(רחצי ווינט. באַאמטער, גורעוויטש, פּאָליציי, יעפים מיט נאָסאָראָג׳ען אָפּ.)

פלאָרא

(לאָזט אַראָפּ די הענט, קוקט זיך אַרום, דערזעט סאָנקע׳ן שטיין אָנגעבלאָזן, פרעגט זי) ס׳טוט דיר באַנק?

סאָנקע

(אין דער זעלביקער פּאָזע, ניט ענטפערנדיק.)

יעפים

(לויפט אַריין ווילד, נאָך אים די פּאָליציי, באַאמטער; ער

דערזעט דאָס פּלעשל אויפן טיש, כאַפּט עס צו פאַרטיידיקן זיך.)

פלאָרא

(רייסט עס אויס, לאָזט ניט די פּאָליציי אים שלאָגן. שרייט) שלאָגט אים ניט! ער איז ניט שולדיק! (זי שטעלט דאָס פלעשל מיט אַ קלאַפּ אויפן טיש און זאָגט מיט אַ באַשולדיקנדיקן טאָן, אָנווייזנדיק מיט דער האַנט אויף אַלע מיקסטורן) אָט וואָס איז שולדיק! זייט פריער אַליין ריין פון דעם, און נאָכהער וועט איר קאָנען יענעם באַשטראָפן!!

(שכנים ווייזן זיך אין טיר און אין פענצטער,
אַלע בלייבן אַ ווײַלע אָן ווערטער.)

נחמיה

(קומט אַריין, ניט באַמערקענדיק קיין פרעמדע, און לאָזט זיך גלייך צום טיש כאַפּן זיין פלעשל, אָבער ראַוף אַ האַלבן וועג דערזעט ער די פּאָליציי און דערשרעקט זיך. ער לאָזט זיך לויפן צוריק, ווי אַ קליין קינד, ציטערנדיק. ביי דער טיר פאַלט ער אום און פאַרשעמט זיך.)

יעפּים

(שטיקט זיך האַלב אידיאָטיש.)

רחצי

(ווישט די טרערן.)

סאַנקע

(אָנגעבלאָזן.)

ירוחם

(ניט פאַרשטייענדיק, וואָס דאָ טוט זיך.)

באַאַמטער

(ווינקט צו דער פּאָליציי אויפן אַלטן.)

(איינער פון די פּאָליציי וויל אויפהויבן נחמיה'ן.
נחמיה ציט זיך צוריק צום פאַל מיט מורא.)

יעפים

(זיך טועגדיק א טריפע פון פּאָליציימאַנ׳ס האנט, באמערקט סאַנקע׳ן וויינען און זאָגט פלוצלונג מיט רחמנות) זיי נאַר, זי ווייגט... (פארקוקט זיך בענקענדיק) מ...

(דער פּאָליציימאַן, וועלכער האָט געוואָלט אויפהויבן נחמיה׳ן, פארקוקט זיך אויף יעפימ׳ען.)

נחמיה

(באַנוצט זיך מיט דער געלעגנהייט און רוקט זיך אויפן פּאָל גנבה׳ש, מיט שרעק, אריין אין צווייטן צימער.)

פלאַרא

(פארוואונדערט) ס׳טוט דיר באַנק נאָך איר?

יעפים

(ווי דערוואכנדיק פון כשוף („היפּנאָ סוגעסטיוו“) כ׳פיל אזוי עפּעס... כ׳האָב אזוי רחמנות...

פּאָליציי

וואָס פאר א בעזאָבראַזיע! וואָס שטייען מיר? (נעמט אָן יעפימ׳ען).

יעפים

(מיט געבעט און באשולדיקונג) אוי, זע נאַר! (ער טוט זיך א טריפע) פּונקט איצט, ווען איך פיל אזוי גוט... (זיך ניט לאָזנדיק) זיי נאַר, וויל איך ניט... (וויינט ביטער) וויל איך ניט!...

פלאַרא

(טוט א נערוועזן ציטער, פארדרייט ס׳מויל, ווי פארבייסנדיק די זייט ליפּ. קוקט היסטעריש ארום זיך. כליפּעט.)

(פאָרהאַנג פאַלט.)

נתן מיט די שטראַלן

א היסטאָרישע שפּיל אין דריי אקטן

(ליברעטא)

פ ע ר ז אָ נ ע ן:

נ ת ן מ י ט ד י ש ט ר אַ ל ן: אַ רייכער גוטס-באַזיצער.

פ ל ט י א ל: גאָר אַן אַלטער, איינגעבויגענער אויפֿזועער אויפֿן פעלד ביי הונדערט יאָר אַלט אָדער מער.

ז מ י נ א: נתנ׳ס אַ קנעכט, זייער אַ מיאוס באַשעפעניש, מיט זייער אַ מיאוס נשמה׳לע.

ש מ ע ו ן ב ן ת ל פ ס א: אַן אָרימער ערד־אַרבעטער, אַ געזונטער זון פון פעלד און אַ דענקער.

ח נ ה: זיין ווייב. אַ זעלטענע שיינהייט.

ע ל י ה: איר חבר׳טע.

ר ב י ע ק י ב ה: דער גרויסער תנא אין יענער צייט.

א ר מ א נ ד י ס א: די פריסטערין פון עשתרם.

ק ו י ע ט ו ס: אַ רוימישער תפיסה־באַאמטער.

וועכטער אין תפיסה, דינער, קנעכט, פעלד־

סאָלדאַטן און פעלד־אַרבעטער.

ע ר ש ט ע ר אַ ק ט

אַ פעלד צו דרום זייט פון ירושלים. ווייטלאך אין דער רעכטער זייט פירט דער וועג אין אַ טאָל, נעענטער צום ברעג אין דער לינקער זייט, שפּאַרט ארויס אַ בערגל. אויף דער פלאַך אַרבעטן פ ר ו י ען, צווישן זיי ח נ ה. אַרבעטנדיק, זינגען זיי און שטיפן. פ ל ט י א ל זיצט אויף אַ שטיין, שפּילט זיי נאָך אויף אַ הילצערן פייפל, נאָכ־קרימענדיק.

חנה, פלטיאל, פרויען.

אַלע (זינגען.)

העל, העל שיינט די זון.
בינדט די שטרוי,
טראָגט צוזאַמען אַלע סנאָפּעס,
אַט אַזוי.
גייט דעם טאָג מיט פרייד אַנטקעגן,
טוט אייער פליכט.
וועט די ערד דערפאַר אונז געבן ברויט און ציכט.
הו, הו, ברייננגט די זון אונז דאָ ליכט!
הו, הו, ברייננגט דער ווינט אונז דאָס ליד!
און די נאַכט בריינגט אונז רו, זיסן שלאָף,
און דער מאָרגן זיסע אַרבעט, אונזער האָף.
ציפּ, ציפּ, זינגען פויגל מיט אונז מיט.
רוישן בלעטער שש... שש...
מיט אונזער ליד...

פליסט די וואַסער קוועלנדיק
אין דעם טייך.
שווימט די זון אַ נאַקעטע
דאָרט, אויף דער פלאַך.
הו, הו, ברייננט די זון אונז דאָס ליכט!
הו, הו, ברייננט דער ווינט אונז דאָס ליד!
און די נאַכט ברייננט אונז רו, זיסן שלאָף.
און דער מאָרגן זיסע אַרבעט אונזער האָף.

פלטיאל

(שטעלט זיך שנעל אויף, פאַנגט אָן זינגען, גייענדיק נאָכן טאַקט אַ פּאָר טריט פאָראויס און צוריקוועגס.)

העל, העל, שיינט אַ האָן אַראָפּ פון דאַך,
קומט די הון און קוקט אַרויף,
און טוט אַ לאַך.
וויל דער האָן אַראָפּ פון דאַך,
און קען נישט גיין...
בלאָזט די הון זיך אָן און פּלאַצט
מיט אַ געוויין...

די פרויען

(האָבן אים צוגעפּלעסקעט. ע ל י ה האָט אים אונטער־געלעגט אַ סנאָפּ מיט שטרוי, אַזוי אַז ווען ער ענדיקט דעם לעצטן סטראָף, גייענדיק אויף צוריקוועגס, פאַלט ער אי־בערן סנאָפּ מיט די פיס אַרויף. אַלע לאַכן געשמאַק. אַ פּאָר מיידלאַך הויבן אים אויף לאַכנדיק.)

פלטיאל

(קרימט זיך זיי נאָך ווי זיי לאַכן). כי־כי־כי... אַ ברכה אין אייערע קעפּעלאַך, שיינע טעכטער פון ישראל! איר האָט מיר שיער דעם רוקן אויסגעגלייכט מיט אייער שטיפן. נו, קינדערלאַך, איילט אַביסל אונטער, שוין באַלד האַלבער טאָג. קומט אַרויפברייננען פון טאַל די זאַנגען אויסצוטרי־קענען. (אַלע אָפּ.)

עליה

(פירט חנה'ן אין דער לינקער זייט און זאָגט איר סוד'עוו־דיג') נעם שמיר זיך אָן, איידער דיין שמעון קומט ארויף.

חנה

(מיט פרייד.) האָסט געבראַכט?

עליה

א פולע כלי. (זי נעמט ארויס א ערדן קריגעלע פון טאָר־בעלע, וואָס זי טראָגט אָנגעבונדן.) אין בית־המקדש האָט מען קיין שמעקנדערע בשמים ניט באדארפט.

פלטיאל

(שרייט פון וייטן פון טאָל ארויף.) העי, טעכטער, מיט וואָס האנדלט איר דאָרט?

חנה

גיי, לאָז אים נישט קומען אהער.

עליה

(לויפט אים אנטקעגן און פארשטעלט אים דעם וועג.) א סוד פאַר דיר, זיידע, טאָרסט נישט וויסן.

פלטיאל

(ווערט זיך קינדעריש דורכצוגיין.) ניין... כ'מוז וויסן, כ'מוז...

חנה

פאַרשטעל די אויגן, וועל איך דיר דערנאָך וויזן א שיינע זאַך.

פלטיאל

(בלייבט שטיין פון וייטן, פאַרשטעלט זיך דאָס פנים, קוקנדיק דורך די פינגער.)

חנה

(טינקט שנעל איין א פאָר פינגער אין קריגעלע און שמירט זיך די האָר.)

עליה

(וועלכע איז צוגעקומען.) דאָס לייב, נאַרעלע, דאָס לייב שמיר דיר, ווייל די זון איז דאָ.

חנה

דריי-זשע אים אוים מיטן פּנים צום טאָל.

עליה

(טוט עס און קומט באַלד צו.) איצטער זעץ דיך אַראָפּ אַזוי. (זי זעצט זי כמעט אונטערן בערגל, ציט צוביסלאַך פון איר אַראָפּ דעם קאַפּטען און שמירט איר דאָס לייב מיט בשמים.) אַט אַזוי. אַט אַזוי.

פלטיאל

נו, ביז וואַנען וועל איך אַזוי שטיין?

עליה

באַלד. (צו חנה'ן.) דו וועסט אַזוי דערשמירן דיינע אָרעם און איך וועל גיין אין טאָל.

פלטיאל

נו שוין, כ'בעט אייך, ווי לאַנג איז דער שיעור?

עליה

(קומט צו אונטער־אַרומער, פאַרשטעלנדיק אים די אויגן.) ביז דו וועסט מיר פאַרטייטשן מיין שאלה.

פלטיאל

נו, פרעג שוין גיכער.

עליה

וואָס פאַר אַ סימן איז, אַז ס'בייסט מיך אין דער לינקער האַנט?

פלטיאל

ס'אַ סימן, אַז דיין לינקער האַנט איז אומריין.

חנה

(לאַכט.)

פלטיאל

נו שוין?

עליה

איצטער קום מיט מיר אַט אַזוי... (זי האַלט אים צו די אויגן.) און אַז כ׳וועל אָפּציילן ביז צען, זאָלסטו מיט אַמאָל עפענען די אויגן. (זי פירט אים אין טאָל אַנשטאָט צו חנה׳ן, ציילנדיק איינס, צוויי א. א. וו.)

חנה

(בלייבט אַליין. שמירט זיך דאָס לייב, צוברומענדיק אַ מעלאָדיע.)

נתן, זמינא, קנעכט.

נתן

(פאָרט אָן רייטנדיק אויף אַ קעמל, נעבן אים ז מ י נ א און צוויי אַנדערע קנעכט.) וויפיל מענטשן אַרבעטן צום ברעג פון טאָל?

זמינא

(וועלכער האָט געפּרוּווט דאָס פייפל, וואָס ער האָט ביים וועג אויפגעהויבן, כאַפּט זיך אויף ווי פון שלאָף.) האָ? שוין אַ טבע אַזאַ ביי דעם אַלטן פלטיאל, ער וויל נישט זאָגן וויפיל הענט ער האָט. צייל זיי, זאָגט ער, אַז דו דאַרפסט.

נתן

(דערזעט פלוצלינג חנה׳ן. קוקט זיך איין פון ווייטן אין איר, און ווערנדיק ליידנשאַפטלאַך, ווי אַ הונגעריקער הונט לאָזט ער זיך אַראָפּ פון קעמל, נישט אַראָפּלאָזנדיק פון איר קיין אויג, באַוועגנדיק מיט די אונטערשטע ציין הין און צוריק. ער גנב׳עט זיך הינטער איר, זיך אַראָפּלאָזנדיק לאַנגזאַם אויף די קניען. ער הויבט פאָרזיכטיק אויף די האַנט און באַוועגט זי קוים, גלעטנדיק אויף איר פלייצע.)

חנה

(וועלכע איז געווען שטאַרק פאַרטיפט אין אירע ליבע חלומות, מיינט, אַז דאָס איז איר שמעון, פאַרשטעלט זיך

מיט די הענט, עטוואָס קאָקעטיש, אירע בריסט און דרייט לאַנגזאַם אוים דעם קאָפּ מיט אַ וואַרימען שמייכל. ווען זי דערזעט נתנ'ען, צעעפנט זי דערשראָקן אירע שיינע אויגן, וואַרפט שנעל אויף זיך דעם קאַפטען און שטעלט זיך אויף, אומדרייענדיק צו אים דעם קאָפּ בייז, און לויפט אָפּ.)

נתן

(קערט אום דעם קאָפּ צו זמינא.) האָסט געזען?

זמינא

(שאָקלט שווער צוויי מאָל מיטן קאָפּ, פאַרמאַכנדיק גנב'יש איין אייגל. זיי פאָרן צום טייך אין טאָל אַראָפּ.)

פלטיאל, פרויען.

פלטיאל

(קומט פון דער זעלבער זייט מיט די מיידלאַך, וועלכע טראָגן בינטלאַך מיט שטרוי, וועלכע זיי שטעלן אוים ניט ווייט פון בערגל. די זון דערגרייכט אַ האַלבן הימל.) כי־כי־כי... איר האָט געזען, קינדערלאַך, ווי איך האָב זיך תמ־עוואַטע געמאַכט, ווי גלייך איך זע אים נישט אַראָפּפאָרן פון טאָל. כי־כי־כי... ס'ווערט מיר אויך נמאס דאָס בויגן זיך פאַר אים... כ'האָב מיינס שוין אויסגעדינט. נאָך ביי זיין זיידען געווען אַ שומר, אָבער דעמאָלט נאָך אַ יונג געוועזן, ווי אַ יונגער הערש. (גלייכט זיך אוים קאָמיש.) אַ שפּרונג, אַ פלי, אַ בויג! און איצטער? שוין אויסגעדינט. טאָקע נאָר אַ שומר איבער מיידלאַך קען איך זיין. כי־כי־כי. עך, קינדער, קינדער! ווי שטאָלץ און שיין איז דער בוים געוועזן!

חנה

דאָס זינגט איר, זיידע פלטיאל, אָבער מיר זינגען:

חנה און כאָר.

ווי שטאָלץ און פיין,
וועט דער בוים נאָך זיין.

חנה

ווען זיינע צווייגן בליען,
און די בלעטער וועלן פליען,
פון דעם ווינט,
פון דעם ווינט...
און די וואָרצלען ווייט פארשפרייטן,
און צום זומער צו דעם צווייטן,
זיך פארמערן
מיט אַ קינד...

כאָר

ווי שטאָלץ און פיין,
וועט דער בוים נאָך זיין. א. אַ. וו.

חנה

וועלן ווינטן בשורות ברענגען,
און אין לופט אַ קלאַנג אויפהענגען,
פון באפרייאונג,
פון באפרייאונג,
וועט די נייעס זיך פארשפרייטן,
און דאָס פאָלק וועט זיך פארגרייטן,
מיט געזאַנג,
צום לעצטן גאַנג!

כאָר

ווי שטאָלץ און פיין,
וועט דער בוים נאָך זיין א. אַ. וו.

חנה

און דערנאָך מיט שטאָלץ מארשירן,
איבער פעלדער פאראדירן,
אונזער זיג!
אונזער זיג!

און מיט פרייד דעם רוים באַזינגען,
און מיט פעסטע טריט אָפּקלינגען,
אין דער ערד,
אונזער גליק!

כאָר

ווי שטאָלץ און פײַן,
וועט דער בוים נאָך זיין א. א. וו.

פלטיאל

אָבער דו ווייסט, טאָכטער, אַז ס'איז אַ סכנה אַזוי אָפֿן צו זינגען. איך בין אַן אַלטער אייזל, דאָך פאַרשטיי איך נישט, פאַרוואָס אַזוינע לידלאַך זיינען טריף... נישט פאַר דיר געזאָגט, האָט ערשט יענע וואָך אַראָפּגעשיקט אַ יונגען בחור פון פעלד איבער אַזאַ מין לידל. ווייל, זאָגט ער, די כותים דערציילן אָפּ די שונאים אונזערע, די רוימער...

חנה

כי־כי... זאָל איך דערפאַר נישט זינגען, ווייל דער האַר האָט מורא, אַז די שומרונים זאָלן זיין רואיק לעבן נישט שטערן?... אים איז אפשר גוט דאָס אַזוי. מיר אָבער וועלן אַזוי לאַנג זינגען, ביז די ליד פון באַפרייאונג וועט נאָך אַמאָל אָנקלאַפּן אין די הערצער פון אונזערע יונגע גבורים און מיט נייע כוחות וועלן מיר אַראָפּוואַרפן דעם יאָך פון די פרעמדע שונאים און אויך פון אונזערע אייגענע אונ־טערדריקער.

פלטיאל

אוי, אַ געזונט אין דיין קעפּעלע, ווי גערעכט דו רעדסט... (טוט אַ זיפֿץ.) נו, קינדער, שוין האַלבער טאָג, שוין צייט צו עסן.

(אַלע פאַרקלייבן זיך צום בערגל.)

חנה

(לויפט צום זוים פון פעלד, מאַכנדיק מיט דער האַנט און

רופנדיק מיט ווארימער ליבע.) צייט, ברידער! שוין האל־
בער טאָג!

(די מענער קומען ארויף פון טאָל, זעצן זיך אויס באם בערגל מיט די פרויען און נעמען עסן.)

שמעון

(באַגעגנט חנה'ן מיט אויסגעשטרעקטע הענט.)

חנה

(ווארפט זיך אויף זיין האלז, דער ווינט בלאָזט איר קלייד און אירע לאַנגע שיינע האָר.)

שמעון

(זי צופירנדיג צום בערגל.) דו אָטעמסט היינט מיט פרייד, מיין ליבע חנה. דיין פנים שיקט מיר זונען־ליכט אין מיין הארץ.

חנה

און די שטראלן האָסטו מיר א מתנה געשענקט, מיין ליבער. כ'האָב היינט צו דיין מעכטיגער פרייהייטס־ליד א מעלאָ־
דיע צוגעפאסט...

שמעון

און איך האָב מיין ליבע צו דיר אין נייע שורות פון מיין אייביגער ליד אויסגעזונגען.

חנה

(בעטענד.) וועל איך דיך הערן און זיך פרייען.

שמעון (זינגט.)

כ'האָב דיך געזוכט,
און דיך געפונען.
דו אויסגעבענקטע מיינע,
אויסגעטרוימטע שיינע חנה...
דערנענטער זיך כאָטש.
דיין אָטעם פיל איך,
אין די ווינטן,
און אין דעם רויש פון וואלד,

הער איך דיין געזאַנג...
און אין דעם שאָטן פון די בוימער,
ציען זיך פאַסנדיג,
דיינע לאַנגע, שוואַרצע, לאָקנדיגע האָר.
און מיט לבנה־שיין
קומט דיין ליבע.
אין די שטערן
זע איך דיינע אויגן.
ממ... ווי גוט זיינען דיינע בליקן!
ווי זיי וואַרימען מיך...
ווי זיי מונטערן, —
מיין לעבן און מיין קעמפן.
דו ביסט מיין מוט,
מיין אייביקע נאַרונג,
מיין אייביקע בענקשאַפט
צום לעבן...

ביידע

דו ביסט מיין מוט,
מיין אייביקע נאַרונג,
מיין אייביקע בענקשאַפט
צום לעבן!....

(שמעון זעצט זיך אויף דער ערד.)

מענער (זינגען.)

שטאָלצער, ברידער, שטרעקט די אָרעם,
שליסט די הענט אין קייטן,
שטרעקטדאָס האַרץ מיט ליבע, וואַרים,
איינער פאַר דעם צווייטן.

מיידלאך

שטרעקט דאָס האַרץ מיט ליבע, וואַרים,
איינער פאַר דעם צווייטן,

אונ מיט מוט רייסט אויס א שטורם,
אונ צערייסט די קייטן!

מענער

זאל א שטערן זיך באווייזן,
אונז אין וועג באגלייטן,
העלפן אונזער היים אויפבויען,
דארט רופן שוין טרומייטן.

מיידלאך

שטאלצער, ברידער, שטרעקט די ארעם,
איינער פאר דעם צווייטן,
אונ מיט מוט רייסט אויס א שטורם,
אונ צערייסט די קייטן!

אלע

העכער שרייט!
לאזט קלינגען ווייט!
א בשורה פון דערלייזונג! (2 מאל.)
(אלע זעצן זיך ארום בערגל און מ'ענדיגט
דאס עסן אין א געהויבענער שטימונג.)

פלטיאל

זאל אייך גאט, אונזער גאט, אזוי בענטשן אייערע וועגן, ווי איר האט מיר דערקוויקט אביסל מיין נשמה. נישט נאר יונגע הערצער קענט איר וועקן, נאר אפילו אזא פארדארטער שקראב ווי איך ווערט אויך אינגער. (זיפצט.)

נתן, דינער.

נתן

(קומט פון טאל מיט די דינער, בלייבט שטיין פון ווייטן.) אונ ווי אזוי ווייסט מען עס נישט?.. (ווייזט באהאלטן צו חנה'ן.) הא, דו זעסט?

זמינא

אודאי זע איך. וואס־זשע קומט דערפון ארויס, אז איך זע?

נתן

(קייענדיק און גלאנצענדיק די אויגן.) ווער־זשע איז זי פּאַרט?

זמינא

שוין אַ טבע אַזאַ ביים אַלטן פּלטיאל, ער וויל נישט זאָגן וואָס מ'פרעגט.

נתן

רוף אים צו.

זמינא

פּלטיאל! קום גיך! ביסט פויל געוואָרן, זעסט נישט, אַז דער האר איז פון טאָל אַרויפגעקומען?

פלטיאל

(בייגט זיך, צוקומענדיק.) כ'זע, וואָס דען, כ'זע נישט? וואָס פאַרלאַנגט דער האר נתן?

נתן

קום אַהער, אַלטינקער. כ'וועל מיט דיר זיך בייטן מיט די שטעלעס היינט. דו וועסט פאָרן אויפן קעמל, און איך וועל זיין דער אויפזעער איבער די שיינע מיידלאַך.

פלטיאל

פאַר וואָס נישט? מיטן גרעסטן כבוד. דיין טאַטע, זכרונו לברכה, האָט אויך אַמאָל געהאַט אַ טבע זיך צו בייטן מיט מיר...

נתן

פריער אָבער מוזטו מיר דערציילן, ווער די שיינע מיידל איז.

פלטיאל

וועלכע? מיר דאַכט, אַלע נישט צו פאַרזינדיקן... זיינען נישט קיין מיאוס'ע.

נתן

אָט די, וואָס זיצט אָנגעבויגן מיט איר קאָפּ צו דעם ברייט־פּלייציקן.

פלטיאל

האַ, די זיסע חנה? דער אַלמנה מרים׳ס טאָכטער? איי־איי־איי... איך האָב אַזוינס נאָך נישט באַגעגנט, כ׳לעבן... מיט אַלע מעלות, זאָל מיר גאָט, אונזער גאָט, אַזוי העלפן. אָט האָט זי פריער זיך צעזונגען, איז נאָר ווי דער שפּערלינג פויגל אַליין. און טאַנצן טאַנצט זי, ווי אַ שוועבנדיגער מלאך. (מאַלנדיק מיט די הענט באַגייסטערט.) אָט איז זי, מיר דאַכט זיך, אָט דאָ, און באַלד טוט זי זיך מיט איר קערפּער ווי אַ שלאַנג אַ וויג, און איז שוין אין דעם צווייטן עק. כי־כי־כי...

נתן

אַ שוועבנדיקע, האַ?... און דו קוקסט זיך צו? כאַ־כאַ־כאַ!

פלטיאל

(פאַרשעמט.) חלילה, חלילה... ס׳איז נאָר בשעת איך גיי זי רופן פון דעם זאַמל־פּלאַץ.

נתן

כאַ־כאַ־כאַ! ווי באַלד אַזוי, מעג איך דיר געטרויען. אַנו, ברענג זי נאָר אַהער!

פלטיאל

(גייענדיק צו חנה׳ן.) דער האַר נתן וויל דיך זען. (שטיל.) מאַך זיך תמ׳עוואַטע. פאַרשטייסט. ער האָט זיין טאַטנ׳ס טבע...

חנה

(גייט לאַנגזאַם צו נתנ׳ען.)

נתן

(שמייכלט צופרידן.)

חנה

גאָט העלף. (בייגט זיך לייכט.)

יתן

גאָט העלף דיר, שיינע מיידל. איך האָף, אַז מיין וואַנדרן זיך נאָך דיר איז דיר נישט דערווידער.

חנה

אזוי לאנג דו האסט מיין כבוד נישט באַרירט.

נתן

פאַרוואָס זאָל איך דיין כבוד דיר באַרירן? פאַרקערט, איך שעץ זייער די, וועלכע לעבן אויף מיין ערד. און זאָרג פאַר זיי ווי אַ פאָטער, און שטעל זיך איין פאַר דעם, ווענעם כבוד ס'ווערט באַרירט.

זמינא

שוין אַ טבע אַזאַ ביי אים. האָט ליב צו זאָרגן זיך פאַר יענעם.

חנה

כ'דאַנק דיר, האַר. (מאַכט אַ טריט צוריקוועגס, ווי זי וואָלט וועלן אַפּגיין.)

נתן

(אַ טריט פאָראויס.) כ'האָב נישט ליב קיין דאַנק. כ'וויל דו זאָלסט זיך פילן ווי אַ שוועסטער מיינע. און אַלס צייכן וועל איך דיר אויף מיין קעמל מאַכן רייטן, און איך וועל עם אַליין פאַר דיר אַ שטאָלצער פירן.

חנה

אָ. איך דאַנק דיר פאַר דעם כבוד, האַר. אָבער כ'האָב מיין עסן ניט דערענדיקט.

נתן

וועל איך אויף דיר וואַרטן.

חנה

נאָכ'ן עסן זינגען מיר מיט אונזער גאַנצער פרייד אַ לויב־געזאַנג צו גאָט, וואָס ער שפּייזט אונז מיט זיין ברויט.

נתן

וועל איך וואַרטן נאָכ'ן זינגען.

חנה

איך קען דאָך נישט פאַרלירן קיין האַלבן טאָג אַרבעט.

נתן

זיי רואיק, שיינע מיידל, כ'וועל דיר באצאָלן וויפיל א גאנ־צע וואָך איז ווערט.

חנה

איך נעם אָבער אומזיסט ניט קיין געלט, מיין האר.

נתן

(ווינקט צו די דינער זיי זאָלן אוועקגיין. זיי גייען אָפּ.) כא־כא, וועסטו מיך טאנצן לערנען, און וועסט אומזיסט קיין געלט ניט קריגן.

חנה

אָבער דאָס איז דאָך א זינד.

נתן

(סוד'עוודיק.) וועסטו מיין ווייב ווערן און מיר וועלן זינ־דיקן פארשפּאָרן.

חנה

(שמייכלט איראָניש.) דער האר פארגינט זיך חוזק מאכן...

נתן

חוזק? כע־כע... (ער ציט לאנגזאם אויםביידע הענט ליידנ־שאפטלאך און טוט פלוצלונג א פארקלעם איר פּנים.)

חנה

(ווערט זיך אָבער.)

נתן

(נעמט זי שטארק ארום און טוט איר א קוש.)

שמעון

(שטעלט זיך שנעל אויף.)

חנה

(רייסט זיך אוים, מיט פאָרוואורף.) צו א פארהייראטער פרוי! ליבער גאָט! (פארשטעלט זיך דאָס פּנים און וויינט.)

נתן

פארהייראט? און ווער איז דער, וואָס שיקט א ווייב, ווי דו, פון דער זון פארברענט צו ווערן?

חנה

(שטערנג.) דער מאן, צוליב וועמען איך בין אין פעלד גע-קומען, האט קיינמאל אזוי פרעך און זינדיק נישט אויס־געזען ווי דו!

שמעון

(וועלכער איז צוגעקומען, זאגט מיט איראָניע.) און האסט פארגעסן צוצוגעבן, מיין טייערע חנה, אז אויך אזוי נא־ריש נישט אויסגעזען.

נתן

(בייז.) ביסטו דאס דער חכם אפשר?

שמעון

(שמעלט זיך העלדיש געגן אים, קוקנדיק אים גלייך אין פנים, רעדט געוואויגן.) כ'האב מיין חכמה קיינמאל נישט געמאסטן, אבער אזא נאריש פנים האב איך אויף זיך קיינ־מאל נישט געטראגן. (ער נעמט חנה'ן און גייט מיט איר מיט ווירדע צום בערגל. ס'שפיגעלט זיך פון ווייטן די ניי־געריקייט פון די איבעריקע ארבעטער און זיי לאזן זיך אלע זען לינקס אין טאל.)

נתן

(בלייבט ווי אפגעשמיסן, נאכקוקנדיק זיי בייז.)

פלטיאל

(קומט צום בערגל פון דער אנדערער זייט.)

נתן

(דערזעט אים, ווייזט אים צוצוגיין, קוקט מיט צארן אויפן אלטן א לאנגע ווײלע. שרייט.) מיר אירע מעלות אויסגע־רעכנט! ביסט אן אלטער שלאנג, איך קען דיך! דו זוכסט מיר קרענקונג פארשאפן, אבער דא וועסטו אליין באצאלן! וועסט מוזן גיין צו איר אהיים בשתיקה און איר פארלייגן הונדערט רענדלאך... דו הערסט? און אויב ס'וועט גיין אין מער, זאלסטו נישט שפארן מיינס, נאר ברייננגען זאלסטו זי ווי פריער דו קענסט.

פלטיאל

א שווערע משא לייגסטו מיר אויף מיין אַלטן קאָפּ ארויף. דיין טאַטע זאָל רוען אין קבר האָט אויך אויף מיר די שולד געוואָרפן, בכדי דורך מיין שליחות אויסצופירן וואָס אים האָט זיך געגלוסט. נאָר דעמאָלט בין איך יונג געווען, א סך מאָל איז דאָס געווען פאַר מיר א נצחון זאַך, א שפּיל, אָבער איצטער בין איך שוין אַלט, נישטאָ דאָס פאַרנאַ־רעדישע פון אמאָל. קלייב דיר ליבער אוים א פלינקערן, ווייל דער מאַן, ביי וועמען זי איז, האָט אויגן, וואָס זעען ווייט, און ווי צו דעם, אויף וועמען א פאַרדאַכט וועט פאַלן.

נתן

(ביטער.) כאַ־כאַ־כאַ! א העלד א גרויסער! וואָס גוואַגעסטו, דו אייזל איינער? ווער איז ער? א פּרינץ? שיק אים צו צו מיר, דעם ערדישן, וועסטו זען, אז זיין גאַנצן שטאָלץ וועל איך פאַר א פרוטה קויפן...

פלטיאל

און אז ער וועט נישט...

נתן

(שרייט.) וואָס דינגסטו זיך?

פלטיאל

כ'וויים... ער קען נישט וועלן קומען...

נתן

איינס פון די ביידע. אָדער זי, אָדער אים. גיי! ווייל כ'וועל דיך פון מיין ערד פאַרטרייבן. (טוט אים א שטויס מיטן פוס.) גיי! (פלטיאל אָפּ. נתן שפּאַרט זיך אָן אין א בוים אויפגערעגט.)

זמינא

(וואַקסט אוים ווי פון דער ערד און זאָגט מכניע'דיק.) דער האַר לעבט אין טעות. מיט פרידן וועסטו זי ביי אים נישט קריגן. ס'איז א משפחה אזא. עקשנים גרויסע. דו לאָז אים

בעסער צורו. צו איר דער־עיקר דארף מען קומען, איר איינ־
ריידן, באַרוישן זי פון דיין רייכטום, און אַז זי וועט אים
אַליין פּראַלאָזן. וועט ער צו שטאָלץ זיין זי צו בעטן.

נתן

(זיינע אויגן שטראַלן אויף, ער לעגט אַרויף די האַנט אויף
זמינאַן און זאָגט.) דו האָסט געהערט און אויך געזען?

זמינא

שוין אַ טבע אַזאַ ביי אונז...

נתן

דיין עצה איז ניט שלעכט. ווּעסטו אַליין דערפאר אין
שליחות גיין.

זמינא

וואָס דען, וועל איך אַן אַנדערן פאַרגינען? כ׳וויים, דער
האר וועט מסתמא באַלוינען פאר דער טרחה... ביים האר
וועט זיך נישט אָנזען אַ פּאָר רענדלאַך, און מיר וועלן
זיי וואויל צונויז קומען.

נתן

אויב דו פירסט נאָר דיין אַרבעט אויס בשלמות, קריגסטו
וויפיל דו האָסט זיך קיינמאָל נישט געריכט.

זמינא

כי־כי... זאָל איך איר נאָר ווייזן דאָס ערשטע שנירל פּערל,
אַ פוס-באַנד און אַ קרוין דערצו... מיט קאָסטבאַרע שיינע
שטיינער, וועט זי דערציטערט ווערן, און דערצו נאָך דאַרף
מען מיר קיין צונג נישט לייען. כי־כי־כי... איך קען זיי
גוט, די ווייבער...

נתן

דו שפּייסט די גאַל פון דיר אַרויס. דו מיינסט, דו האָסט
זי שוין ביי דיר.

זמינא

דער האר מיינט, ווייזט אויס, אַז ס׳גייט מיר דאָ אין לעבן.
מישטיינס געזאָגט, וואָס איך וועל דאָ באַגליקן. אָבער איך

זאָג וואָס דער אמת איז. אַ וואָרים, אַז ער ליגט אין כריין, מיינט ער, אַז קיין זיסערס איז נישטאָ. זאָל זי אָבער אָנטאָן אויף איר שלאַנקן קערפּער אַ קלייד פון דינסטן וועבאַכטס מיט צירונגען באַפּוצט, וועט איר שוין חלומען, אַז פּרינצן זיינען אירע געסט און נישט די ערדיקע. יאָ, יאָ, איך קען זיי, די מכשפות.

נתן

(טראַכט שנעל אַ ווײַלע.) זאָג נאָר, קענסטו האַלטן סודות?

זמינא

דער האַר וואָלט זיך געווינשן אַזוי פיל שיינע מיידלאַך, וויפיל סודות אָט־דאָ ליגן שוין באַגראָבן. (ווייזט אויפן האַרץ.) אַ טבע שוין אַזאַ...

נתן

הער־זשע אויס, וועסט אונטערטראָגן אַ מסירה צום פּראָקוראַטאָר רופוס, אַז דער יונג איז אַ מורד און אַ נאָכפּאָלגער פון דעם ליגנער בר־כוזבא. (ווייזט מיט דער האַנט אין טאָל.) גיי און ברענג די וועכטער, שוין!

(שמעון באַווייזט זיך פון טאָל און בלייבט שטיין פון דער ווייטן.)

זמינא

אָט איז ער. אַרויסגעוואָרפן וועלן זיין די רייד, כ'לעבן, זיך אומזיסט מכניע זיין. מיין שליחות וועט אייך אַ העלפט נישט קאָסטן, וויפיל דער יונג קען זיך אָנמעסטן, אַ גוטע קרענק וואָלט איך אים געגעבן. אין תפיסה איז דער בעסטער פּלאַץ.

נתן

ששש....

זמינא

ס'פּאַסט דאָך גאָרנישט, כ'לעבן.. ס...

נתן

שטיל זאָג איך.

פלטיאל, שמעון.

פלטיאל

(קומט פון טאָל, זאָגט צו שמעונ'ען.) נו, וואָס שטייסטו? קום צו הערן, מעגסט דאָך... (זיי גייען ביידע צו.)

נתן

(צו פּלטיאל.) מיר דאַכט זיך, דו פּאַלסט שוין פון די פיס, אַלטער. גיי זעץ זיך דאָרט אַנידער... (צו זמינא.) דו אויך. (ביידע אָפּ אין טאָל.)

נתן

(צו שמעונ'ען, קאָמפּלימענטיש.) דו האַלטסט דעם קאָפּ פאַר־ריסן, גלייך ווי דו וואָלסט גרעניצן פאַרמאָגט.

שמעון

און ווער זאָגט, כ'פאַרמאָג נישט?

נתן

(גוטברודעריש.) אַזוי, אַ רייכער ביסטו? וויפיל זשע פאַר־מאָגסטו אייגענס?

שמעון

אַלעס, וואָס דו זעסט אַרום, איז מיינס.

נתן

וואָ טויג זיך דיר נאַריש מאַכן, דאָס איז אַלץ חלומות, קענסט דיר איינריידן, אַז די הימלען זיינען דיינע און אפשר גאַנצע ימים. ממ.. ממ.. גלייכער איז, אַז מ'פאַרמאָגט אַביסל אייגענס, אָבער אייגענס, וואָס איז מיינס און קיי־נעמס נישט.

שמעון

אַזאַ מין אייגענס וויל איך נישט.

נתן

דו מאַכסט זיך נאַריש. דו ווייסט נאָך נישט דעם טעם וואָס אייגענס הייסט. ווי אַ שטייגער וואָלט געווען, ווען דער מאַן, וואָס שטייט פאַר דיר, שענקט דיר נישט ווייניקער ווי הונדערט אַקער ערד?

שמעון

איך נעם נישט קיין מתנות פון דעם, וואָס דאַרף אַליין מתנות בעטן.

נתן

דער מענטש, וואָס גיט דיר די מתנה, איז אַ שליח נאָר פון גאָט.

שמעון

גאָט האָט מיך באַשאָנקען פון זיין אייגענער האַנט מיט אַ גרעסערער מתנה. גבורה האָט ער מיר געגעבן, און אויב ס'וועט מיר עפּעס פעלן, איז מיין וועג צו גאָט אַ נעענטע־רער ווי דיינער.

נתן

פעלן פעלט דיר פיל, נאָר דו ביסט בלינד און זעסט נישט וואָס דיר פעלט. דו זאָגסט אַליין, אַז גאָט האָט דיך גע־בענטשט מיט גבורה, און דו ביסט שוואַך זי אויסצונוצן. אויף צו אַרבעטן די שוואַרצע ערד פאַרצערסטו דיין גע־זונט. וואָלט דען נישט העלדישער געווען, ווען דו ביסט אַ באַזיצער איבער גיטער? גערעטן וואָלסטו אַלע טאָג אויף קעמלען און אויף פערד, און מיידלאַך וואָלטן זיך געבוקט פאַר דיר... געקושט דיר דיינע זוילן, זאָלסט אַ קוק אויף זיי באַטש געבן, און דו וואָלסט זיך אַ ווירדיקער געהאַלטן, די שענסטע פון די מיידלאַך אויסגעקליבן און אין זייער ווארימקייט אַ שכור'ער געבאָרן. און אַלע טאָג וואָלסטו צו דיר אַ פרישינקע פאַרנאַרט. און דאָס קענסטו דערגרייכן אויפן אָרט, ווען דו ביסט קיין נאַר נישט און זאָגסט דיין וואָרט, אַז דו ביסט מסכים וואָס איך בעט פון דיר... כאָטש נישט קיין סך, דאָך פיל איך. ממ.. ממ.. דו ווייסט דאָך ווי ס'גייט אַ בייט אַזאַ. אומזיסט קיין הונדערט אַקערס וועסטו דאָך נישט ווען...

שמעון

(אויפגעבראַוזט.) און ווער האָט דיר געזאָגט, אַז כ'וויל?!

ווער האָט דיר געזאָגט, דו קראַנקער בעל־עבירה? ווען איך וואָלט נישט רחמנות געהאַט אויף דיין אומבאַהאָלפנקייט, וואָלט איך דיך איינגעשטעקט אַ לעבעדיקן אין דער ערד.

נתן

(אויסער זיך.) זמינא האָט רעכט. ווייזט אויס, אַ הונט ווי דו האָט מער ווי מכות נישט די ווערט. דו פאַרגעסט, ווייזט אויס, ווער ס׳שטייט פאַר דיר?

שמעון

ווי קען איך דען פאַרגעסן! כ׳ווייס, אַז ס׳שטייט פאַר מיר אַ מענטש, וואָס האָט ניט ווערט די ערד, וואָס זיינע פיס באַטרעטן.

נתן

(איראָניש.) אַ ערדישער מעסט אַלעס מיט דער ערד.

שמעון

(ווירדיק.) און איך שעם זיך נישט מיט איר. צו דער ערד דין איך פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג, און דאַנקען דעם, וואָס אויבן לעבט, זי, די ערד, פאַרלאָזט מיך נישט דערפאַר.

נתן

(שאָקלט מיטן קאָפּ.) ממ... דו גרויסער עקשן! אָט באַפעל איך היינט דיר מער קיין אַרבעט געבן, און מאָרגן וועסטו בלייבן אין געצעלט, די ווענט וועסטו דינען דאָרט, און נישט די ערד, און דעמאָלט וועסטו זען, וויפיל ערד האָט גאָט פאַר דיר געשפּאָרט.

שמעון

קיינער קען מיך אין מיין שטוב פאַרשליסן. די ערד, וועלכע מיין טאַטע האָט געקנאָטן זייט יאָרן מיט זיינע שטאַרקע פיס, די ערד, אויף וועלכער איך בין געבוירן און דין צו איר פון קינדהייט אָן, די ערד וועט קיינער נישט צונעמען. מיינע איז זי און מיינע קינדערס וועט זי בלייבן.

נתן

פאַרגעסט, ווייזט אויס, אַז איך בין דער, וואָס האָב דאָ צו באַפעלן, און רעד נאָר נאָך איין וואָרט אַרויס, ועסטו מיט שמיץ דיין וועג אַהיים באַגלייטן.

שמעון

ווי צו דעם, וואָס וואָלט אויף מיר אַ האַנט געהויבן. איך וואָלט זיין אויסגעשטרעקטע האַנט צו אים אין פּנים איינ־געבויגן. זאָל נאָר מעסטן ווער מיין וועג באַגלייטן, וועל איך זיין קאָפּ מיט מיינע פיס צוטרעטן.

נתן

מיט וועמען רעדסטו דאָס, דו הונט? דיין גבורה, מיינסטו, קען דיר ביישטיין. כ'רוף די גוואַרדס פון אַלע פעלדער, וועסטו לערנען, אַז פון דער ערד, אויף וועלכער דיין טאַטע האָט געטראָטן, וועט מען דיך אַ געבונדענעם אין ענגער תפיסה אַוועקטראָגן.

שמעון

די ווענט פון תפיסה וועלן זיך צונעמען. און ווען איך וועל פון תפיסה רוים אַרויס, וועלן די פּאַרזינדיקטע פון גאַנצן געגנט זיך צעלויפן.

נתן

כאַ־כאַ! אַ גבור אויפגעשטאַנען! נאָך די וואונדן פון דעם ערשטן בר־כוזבא נישט פאַרהיילט און...

שמעון

שווייג!... צו הייליק איז זיין נאָמען דו זאָלסט אים דער־מאָנען. נישט קיין וואונדן, נאָר פונקען פון באַפרייאונג האָט ער אונז פאַרזייט.

נתן

און דו ביסט דאָס דער דאַזיקער, וואָס וועסט זיין אָרט פאַרטרעטן? (ער מעסט אים מיט זיין בליק פון אויבן ביז אַראָפּ, קוקט פאַרזיכטיק אַרום דעם פּלאַץ, צי ס'איז קיי־נער נישטאָ, און, אָנבויגנדיק זיך אַביסל אָן אַ זייט, ציט

ער גנב'יש און האסטיק ארויס א קינזשאל און ווארפט זיך אויף שמעונ'ען.)

שמעון

(כאפט אים פלינק פאר דער האנט און ציט אים ארונטער, אריינשטעקנדיק אין דער ערד דאס מעסער מיט נתנ'ס אייגענער האנט.) דו זעסט דיין מעסער אין דער ערד פאר־שטעקט? דאס האט דיין אייגענע האנט דיין אפגרונט דיר באצייכנט. (לאזט זיך האסטיק אפגיין, אבער זמינא מיט וועכטער וואקסן פלוצלונג אויס.)

זמינא, וועכטער.

(זמינא באוועגט שנעל מיט די הענט צו די וועכטער אויף שטים־לשון, אנווייזנדיק שנעל אויף שמעונ'ען. די וועכטער ווארפן זיך אונטן ארומער אויף שמעונ'ען און בינדן אים די הענט מיט די פיס אין גרויס מי.)

נתן

(וועלכער איז פארטיפט, קוקנדיק אויפן מעסער, רייסט עס ארויס מיט אימפעט און כאפט זיין טרומייט צו פייפן.)

זמינא

(כאפט אים ביי דער האנט.) צו וואס דער רעש? כא־כא־כא! (ווייזט אויף שמעונ'ען.) איז דען אזוי נישט בעסער?

נתן

(קוקט זיך אום, זעענדיק שמעונ'ען געבונדן, גלאנצט ער אויס די אויגן און פארגייט זיך לאכנדיק מיט נקמה, און באלד פארקרימט ער זיין מויל פון כעס, ווייזנדיק מיטן פינגער.) דא האסטו מיין אפגרונט מיר באצייכנט מיטן מעסער? און פון דאנען וועסטו גיין. (ווייזט א צייכן אים אוועקצופירן.)

שמעון

באד אויס דיין צעקרימטע נשמה אין דעם אומרעכט, וואס

געוועלטיגט איצט פריי אויפן חשבון פון דעם חורבן פון דיינע ברידער. איך גיי, ווייל איך וויל נישט באַוועגן דאָס פאָלק צו יסורים דורך מיר. כ'וועל פאַר מיר אַליין ביי־שטיין. ווי אָבער וועט זיין צו דיין קאָפּ, ווען מיין האַנט וועט זיך אויפהויבן אויף דיר דאָס צווייטע מאָל.

וועכטער

(שטעלן זיך אַרום אים און פירן אים אַוועק.)

זמינא

(גייט נאָך אונטן, שפּילנדיק אויפן פייפל און נאָכטאַנצנ־דיק אַ מין חוזק).

(פון טאָל הערט זיך רופן: שמעון! שמעון!)

נתן

(שטעלט אָן זיינע אויערן. ווען ער באַמערקט חנה'ן אַרויפ־קומען פון טאָל, באַהאַלט ער זיך אונטערן בוים.)

ח נ ה.

חנה

(קוקט אַרום אין אַלע זייטן רופנדיק: שמעון! שמעון! זי לאָזט זיך דורכגיין דעם בוים רופנדיק.)

נתן

(לויפט אַרויס און כאַפּט זי אונטן אַרומער, צודריקנדיק זי לייִדנשאַפטלאַך.) נישט ווער זיך... נישט ווער זיך..

חנה

(אים ווידערשטייענד.) פאַרשאָלטן זאָלסטו זיין! גאָט'ס משפּט זאָל דיך גרייכן! רשע!

(ס'הערט יזך אַ רעש פון טאָל.)

נתן

(טרעט אָפּ שעלטנדיק.) נישט לעבן לאָזן זיי, די ווערים!

(אַלע קומען פון טאָל אַרויף.)

א ל ע.

חנה

(שרייט.) ברידער, העלפט מיר אומקערן שמעונ'ען, וועל־כער קומט אָפּ פאַר מיר.

נתן

איר וועט נישט גיין! אייער וועג איז דורך דערנער און באַדיקעס. זאָל דער גיין, וועמען דערנער זיינען ליב.

(די אַרבעטער טומלען זיך אַ ווײַלע, ווער „פאַר", ווער „געגן".)

חנה

(שרייט אויס.) ברידער! נישט שוין־זשע האָט איר פאַר־געסן וואָס איר האָט ערשט פריער געזינגען? „שטרעקט אויס דאָס האַרץ, מיט ליבע, וואַרים, איינער פאַר דעם צווייטן"? אָ, גאָט! (זינגט.)

אפילו ווען דערנער וועלן מיין וועג אויסשפּרייטן,
ווער וועט מיך האַלטן אין מיין וועג?
זאָל מיך מיין פליכט צו אים, מיין מאַן, באַגלייטן,
זאָל מיר די פליכט אויספילן מיינע טעג.
און ווער ס'איז שטאַרק, זאָל זיך אין קאַמף פאַרגרייטן.
און ווער ס'האָט מורא, זאָל בלייבן דאָ,
זאָל דער נאָר טראָגן, וואָס ווייליק איז צו דולדן,
ווייל אין ריי פון קאַמף זיינען קיין שקלאַפן מער ניטאָ.
און אויב כ'וועל דאַרפן איינע אַליין זיך ראַנגלען,
און מיין קול וועט זיין אין ווּסטעניש אַ רוף,
וועל איך דערפאַר מיין פרייד מיט קיינעם טיילן,
און אויסבעטן ביי גאָט פאַר דעם, וואָס קומט, אַ שטראָף.

כ'וועל הימלען באַוועגן צו דער ערד,
כ'וועל רופן נאָך הילף נישט אויפהערן,
כ'וועל אויסבייטן מיין שטים פאַר אַ שווערד
און אַליין אין מיין דאָרנוועג צעשטערן.

זאָל ווער ס'וויל פון אייך פאַרבלייבן
און ווער ס'איז מוטיק, זאָל מיטגיין,
ברייגנען אונזער שמעון, אונזער ליבן.
נו, טראַכט נישט מער, ס'איז נישט די צייט צו שטיין!

איינער פון כאָר

נישט פאַרלירט זיך,
האָט נישט מורא!
זאָל פון קאַמף דער שוואַכסטער נישט אָפּשטיין!
נאָר פאַררעטער
זאָלן בלייבן,
נאָר דער, וואָס וויל זעלבסטמאָרד באַגיין.

נתן

כאַ־כאַ־כאַ!
כאַ־כאַ־כאַ!
ט'זיך פאַרגראָבן שוין טיף
מיט זיינע נעגל אין אייערע לייבער,
ווי אַ וואָרים האָט ער שוין
אייערע הערצער גענאָגט,
געוועקט אייך צום קאַמף
קעגן מיר, אייער באַשיצער!
נו, גייט־זשע אין דערנער,
און ברעכט אייך די קעפּ,
איר, פאַרשאָלטענע ווערים,
אומזיסטיקע פרעסער,
אין דערנער צעבלוטיקט אייערע טריפה'נע לייבער!
(ער זעצט זיך אויפן קעמל, וואָס די דינער האָבן
אים אונטערגעפירט, טוט עס אַ שטאַרקן שמייס,
בלאָזנדיק אין טרומייט, פאַרקרימט זיך און
פאַרשווינדט.)

כאָר.

זאָל רינען דאָס בלוט,
אונז פון דערנער אין קאמף,
נאָר נישט בלייבן געדריקט
און געשטיקט פון די הארן,
וואָס ווילן מיט קלונשאפט אין נעץ
אונז פארנארן!
אונז איינציקווייז שרעקן
מיט דערנער און דערנער,
און לאנגזאם צעשטערן
פון פרייהייט די קערנער.
נישט בלייבן זאָל איינער
אַ רואיקער שטיין.
זאָל יעדער פון אונז
אין קאמף מיט אונז גיין.
זאָל דער, וואָס איז פלינק,
נאָר די וועגן פארלויפן.
און דער, וואָס איז שטארק,
אין די רייען זיך שטעלן.
און דער, וואָס איז שווער,
זאָל אונז שטיינער פארגרייטן.
און דער, וואָס סע זינגט,
מיט געזאנג אונז באגלייטן.

(רוישנדיקע מוזיק־באגלייטונג. אַלע אָפּ.)

(פאָרהאנג פאלט.)

צווייטער אַקט

(אין תפיסה. פון ווייטלאך הערט זיך אַ כאָר געזאנג
פון תפיסה וועכטער, וואָס אַמאָל שטילער, שטילער,
ביז דאָס קול פאַרגייט אינגאַנצן).

וועכטער כאָר.

(פולער טאָן): שטייען מיר און וואכן
ארום דעם גרויסן מויער,
אונז ארט נישט, נאָר מיר לאכן,
פון אינעווייניקסטן טרויער...
(שטילער): אַ מצוה אויף זיי. כאַ־כאַ.
די מורדים, די פארברעכער.
ס'טוט אייך וויי? כאַ־כאַ!
נישט לאכט־זשע פון די געטער.
(צוויי מאָל.)
(נאָך שטילער): זאָל ווער זיך נאָר דערוועגן
דעם קאָפּ ארויסצושטעקן!
באלד צילן מיר די בויגן,
פיף־פאַף! און בלוט טוט פלעקן.
(כמעט אָן מעלאָדיע): אַ מצוה אויף זיי. כאַ-כאַ.
די מורדים, די פארברעכער.
ס'טוט אייך וויי? כאַ־כאַ!
נישט לאכט־זשע פון די געטער.
(צוויי מאָל.)

שמעון

(שלאָפט און חלומ'ט אַ שרעקלאכן חלום, באוועגנדיק מיטן
קערפּער און נערוון פון פּנים.)

זמינא

(גנבֿ'עט זיך אַריין שטיל אויף די שפּיץ־פינגער מיט אַ מעסער אין האַנט.)

שמעון, זמינא.

שמעון

(רייסט זיך פון שלאָף אויף, קוקט אויף זמינאן אַ ווײַלע, ווי ער וואָלט נאָך גע'חלומ'ט.)

זמינא

(בלײַבט אין אַ פאַרלעגנהייט, צי אויספירן זײַן שליחות, צי בעסער אַנטלויפן. טוט אַ ציטער פון אויפרעגונג.)

שמעון

(שמעלט זיך באַלד אויף די פיס.)

זמינא

(וואַרפט זיך צו אים מיטן מעסער.)

שמעון

(פּאַקט אים בײַ דער האַנט נאָך אַ ווײַלע קעמפן און שפּאַרט אים אונטער די באָרד מיטן שפּיץ מעסער.) זאָג! וויפיל קריגסטו פאַר דײַן אַרבעט?

זמינא

(שווײַגט. וויל גנבֿ'יש זיך אויסדרייען.)

שמעון

(נעמט אַראָפּ פון זמינא דעם לעדערנעם פּאַס, בינדט אים צוזאַמען די הענט מיט די פיס, אים ליגנדיק אויף דער ערד.) איצטער וועל איך מיט דעם מעסער אין דײַן לײַב אײַנקריצן „ווערט טויזנט רענדלאַך" און דיך אָפּשיקן צו דעם, ווער עס האָט דיך געשיקט אַהער.

זמינא

אַז קרענקען זאָל איך, צי קריג איך העלפט. קוויעטוס, דער תּפיסה־באַאַמטער, קריגט מסתּמא מער פון טויזנט רענד־לאַך. אָבער איך קריג אַ גוטע מכּה דערווײַל. זעסטו דײַן

ווייב קריגט פון אים יאָ אַ שיינע מטבעה. כי־כי־כי... וואָס טוט מען נישט צוליב אַ מאַן? כי-כי־כי... ווער שמועסט נאָך, אַז מע קריגט גוט באַצאָלט דערפאַר.

שמעון

(אויסער זיך. שטעלט זיין פוס אויף זמינא׳ס קאָפּ.) שטיל, דו הינטישער ליגנער! איר נאָמען זאָלסטו אויף דיינע קרו־מע ליפּן נישט אַרויסברייננגען... (ער הויבט דעם פוס.) ווייל כ׳וועל דיך צעטרעטן ווי אַ וואָרים... (ער דערזעט עמיצן קומען, כאַפּט ער זמינאַן, ווי מ׳כאַפּט אַ שאָף און רוקט אים אונטער זיין הילצערנעם בעט אַרונטער.)

ח נ ה.

חנה

(דערשיינט פאַרלייגט די הענט אויפן פּנים, ווי גלייך עס דערוואַרטעט זי דאָס שרעקלאַכסטע בילד.)

שמעון

ווי קומסטו דורך דער טיר? און דיינע הענט אויף דיין פּנים פאַרלייגט?

חנה

(נעמט אַראָפּ די הענט, קוקט אויף אים אַ ווײַלע און וואַרפט זיך אויף אים מיט געוויין.)

שמעון

(גלעט זי און ברומט אוים.) מיין האַרץ זאָגט מיר עפּעס שלעכטס, מיין חנה. פאַרבאָרג דיך נישט פאַר מיר...

חנה

(גלאַנצט אוים אויף אים אירע שיינע אויגן, נישט פאַר־שטייענדיק.)

שמעון

פּייניק מיך! פּייניק מיך מיט דיינע אומשולד בליקן!... כ׳האָב מורא, אַז כ׳האָב געזינדיקט געגן דיר מיט מיין מחשבה. אָבער ווי איז דעם, ווער עס איז געניוט צו זינ־

דיקן געגן אזא הייליקער ווי דו... (בויגט זיין קאָפּ.) כ'קען אָבער נישט העלפן. ס'פרעסט מיין האַרץ מיר אויף. דער־צייל, פאַרבאָרג דיך נישט פאַר מיר...

חנה

וואָס טראַכסטו דען אויף דער, וואָס איר טרייסט איז דיי־נע, און איר לעבן הענגט אָפּ אין דיין באַפרייאונג, ווי די בלומען פון דעם טוי און פון דער זון...

שמעון

ווי קומט עס, וואָס די טיר איז אָפן?

חנה

דערפאַר האָב איך פאַרדעקט מיין פּנים. ס'האָט מיר דאָס האַרץ געצאַפּלט, ווען איך האָב קיין וועכטער ביי דעם טויער נים געטראָפן. כ'האָב געמיינט, ווער ווייסט, וואוהין מ'האָט דיך שוין פאַרפירט. און דאָ האָב איך דאָס לעצטע אויסגעקויפט. נישטאָ מיט וואָס די וועכטער אונטערצו־קויפן. (וויינט אַ ווייַלע, דערנאָך קוקט זי אים אָן און זאָגט.) ליבער שמעון, לאָז מיך זיין מיט דיר די לעצטע שטונדן פון מיין בליען. דיין זרע, שמעון, וואַרפט זיך אונטער מיין האַרצן. (נעמט אַרום זיין קאָפּ.) און ווי גוט וואָלט איצט געווען מיט דיר. (קושט אים.) ממ... ווי גוט. (זינגט.)

איך בלאָנדזשע אַרום, מיין ליבער,
מיט מיינע ליפּן.
איבער דעם פאַרווייַנטן קישן
פון אונזער בעט...
גאַנצע וועלטן לויפן דורך
אין די מינוטן,
ווען איך בענק נאָך דיר.
נישט די גראָבע ווענט פון תפיסה
קענען דיין ליכטיק פּנים
פאַר מיר פאַרשטעלן.

ווי די זון אליין,
אזוי ווארימט מיך די האָפנונג
צו זיין מיט דיר אינאיינעם...
ממ... ווי גוט מיט דיר איז...
(אומארמענד) ממ... ווי גוט...
(פיאנאָ־מוזיק באגלייטונג פאר א שטילער פויזע.)

שמעון

(ווי אויפוואכנד.) און איך האָב געמיינט, אז דעם, וואָס די פיר ווענט פון תפיסה נעמען שוין ארום, ווערט פארגעסן פון אלעמען.

חנה

וואָס רעדסטו היינט פארשטעלט, שמעון, וואָס פארבאָרג־סטו זיך?...

שמעון

כ'וויים... כ'האָב געטראכט, אז כ'בין אפשר צו א שווערע לאסט אויף דיין בליענדער יוגנט. ווי קענען דיינע איי־דעלע הענט אומדערמידלאך שפינען צו פארדינען דאָס ברויט פאר איינעם, וואָס זיצט אין תפיסה, און ווער ווייס ווי לאנג... (בויגט זיין קאָפּ.)

חנה

(וויינענד.) שמעון... פארוואָס קוועלסטו מיך? ווייסטו דען נישט, אז אפילו שטיינער טראָגן וואָלט נישט געווען שווער פאר מיר, אבי אָפּצוהיטן דאָס איינציקע, וואָס ברענגט אונז צוזמאַען? (אין א זייט אין טרערן. זינגט.) האָ, גאָט אין הימל! שווער איז דעם, וואָס דארף פארענטפערן זיי־נע זינד. אָבער נאָך שווערער איז דעם, וואָס דארף זיך פארענטפערן, ווען ער האָט נישט געזינדיקט... אָבער פאר דיר, אז מ'קומט מיט א ריין הארץ, ווייסט מען, אז דו ביסט א יודע־יצר, דו ווייסט די מחשבות פון מענטשן. אָבער ווי אזוי זאָל איך עפענען דאָס הארץ פאר די, וועל־כע זיינען... (וויינט.)

שמעון

(בויגט אָן זיין קאָפּ צו אירע קניען, רעדט מיסטיש אויס־נעצווינגן.) פאַרגיב מיר. פאַרגיב מיר. (ער האַלט דעם קאָפּ געבויגן, ביז זי לייגט איר האַנט אַרויף.)

זמינא

אַזוי לאַנג זי איז מיט דיר אונטער איין דאַך, וועט זי דיר אוודאי פאַרגעבן.

חנה

אַך איז מיר! מ׳ליגט באַהאַלטן, שמעון!

שמעון

נאָר פאַרגעסן אָן דעם וואָרים. מיט אַ מעסער האָט ער אויף מיר געלויערט. (איראָניש.) אויך אַ זון פון פאָלק.

חנה

זמינא? אויך אַ שונא?

זמינא

אויך מיר אַ שונא, זמינא... בינד מיך אויף און גיב מיר אַ מטבעה, דערציייל איך דיר דעם גאַנצן סוד. אַ טבע אַזאַ ביי מיר.

שמעון

(בינדט אים אויף.)

חנה

אָט וועסטו זען, ווי מ׳קען נישט שאַצן אַ נשמה. זמינאַן קען זיך באַלד פאַרגלוסטן אונז אויסצוזאָגן דעם בעסטן וועג פון דאַנען צו אַנטלויפן.

זמינא

פאַרוואָס נישט? אַז איך וועל זיך נאָר דערוויסן, איז תיכּף זאָג איך אייך. (אַ טשובע מיט די אַקסל.) אַ טבע אַזאַ ביי מיר.

שמעון

וואָס ווייניקער דו וועסט ביי אים פרעגן, אַלץ מער וועסטו

וויסן... דו זאָגסט, דו האָסט קיין וועכטער ביי דעם טויער נישט געזען, גיי און איך וועל מיטקומען.

זמינא

(טוט זיך א טשוכע.) כי־כי־כי. מיר האָסטו נישט צוגעלאָזט קיין פאַרדינסטל, זיך נעברעקלט, און צו די וועכטער לויפּ־סטו א געבראָטענע טויב אין מויל דערלאַנגען?

שמעון

וואָס פּלוידערסטו?

זמינא

(שטרעקט די האַנט, דרייענדיק ווי א מכשפה.) גיב מיר א מטבעה, וועל איך דיר א סוד דערציילן...

חנה

דאָס וואָס איך פאַרמאָג. (גיט אים א מטבעה.)

זמינא

(נעמט און כאַפּט ליידנשאַפטלאַך איר האַנט מיט א קרומען שמייכל, פינטלענדיק מיט די אויגן.)

חנה

(ציט אַרויס די האַנט מיט שוידער.)

זמינא

(הויבט אָן, ווי ער וואָלט וואָראַזשעט.) דאָס מעסער האָב איך דיר געזאָלט אין האַנט אַריינשטעקן, דאָס זאָל הייסן, אז זי (ווייזט אויף חנה'ן.) האָט עס דיר געבראַכט, און דו האָסט זיך דעם טויט אַליין געמאַכט. און טאָמער וועסטו פון מיין האַנט אַרויס און וועלן לויפן, זאָלן די וועכטער פון באַהעלטעניש אַרויס און נאָכיאָגן, ביז זיי וועלן מענשן אויפן פעלד דערזען, דאַן זאָלן זיי אָנפאַנגען שיסן, און דאָס פאָלק וועט זאָגן: האָסט קיין משפט נישט געוואָלט און דו ביסט שולדיק. היינט פאַרשטייסטו שוין?

שמעון

(טראַכט א ווײַלע און זאָגט ביטער.) בעטלער זיינען מיר און דאָך האָט מען פאַר אונז מורא. אונזער סנהדרין איז

צעטריבן. מיוחסים, ווי צו אונז, זיינען אונזערע ריכטער, און מיך דערוואַרט זייער משפט. (פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים.) זייער משפט. (שאָקלט דעם קאָפּ נידערגעשלאָגן.)

זמינא

(באַנוצט די געלעגנהייט, טוט זיך אַ טשוכע מיט איין אַקסל און גנב'עט זיך אַרויס.)

שמעון

(דעקט אויף זיין פּנים. קוקט זיך אַרום, שטרעקט אויס די הענט צו חנה'ן און זאָגט אין טרערן.) צו וואָס זאָלסטו שטיין דאָ? ווען די צונגען פון דער זון פון יענער זייט טויער קענען נאָך היילן דיינע וואונדן. זעסטו דען נישט, וואָס מיך דערוואַרטעט? איך וועל ליידן אַ חלק יסורים צוגלייך מיט אונזערע אַלע העלדן. אָבער יענע האָבן כאָטש געליטן פאַר זייער פאָלק, פאַר זייער לאַנד און גאָט. (וויינט.) פאַוואָס לייד איך? אויף וואָס האָב איך מיין העלדישקייט באַנוצט? בלוט האָט זיך געגאָסן פון מיינע ברידער, ווען זיי זיינען געקומען מיך באַפרייען, און איך... (וויינט.)

חנה

(אין טרערן.) יענע האָבן געליטן פאַר זייער פאָלק, און דו ליידסט צוליב אַן אָרימער פרוי, וועמען גאָט האָט באַשאָנ־קען מיט שיינקייט. כ'בין גרייט צו באַצאָלן מיט יסורים, וואָס זאָלן דיך באַרואיקן, בכדי זאָלסט נישט שטאַרבן אונ־טער קיין זינדיקע מחשבות. (זי הויבט דאָס מעסער אויף פון דר'ערד.) נעם דאָס מעסער און שטעך מיר אויס די אויגן. שנייד מיר אָפּ די ליפּן און די אויערן, און...

שמעון

רעד נישט מער! (צווישן די ציין.) נישט מיט יענעמס קערפּערלאַכע ליידן... ווי איז צו מיין קאָפּ, אויף וואָס כ'בין איבערגעקומען, אַז מיין אייגענע פרוי זאָל דיינקען, אַז כ'בין גערן מיט אירע וואונדן זיך צו היילן. (וויינט.)

חנה

וואָס אַנדערש קען איך טאָן פאַר מיין מאַן?

שמעון

(טראַכט אַ ווײַלע.) דו קענסט טאָן. דער נסיון איז אָבער נאָך גרעסער. און... כ׳האָב מורא, אַז כ׳וויל פון דיר צו־פיל. (פּויזע.) אָבער, חנה, ווער וויל נישט די פרייהייט, ווען די אויגן זיינען נאָך אָפן?

חנה

אויב ס׳הייגנט אָפּ אָן מיר, בין איך גרייט אַלעס צו טאָן.

שמעון

(ציטערנד.) גיב זשע מיר אַ קוש אין שטערן. און גיי צו דעם, פון וועמען ביסט אַנטלאָפן, טו צו אים זיין פאַר־לאַנג... און בעט ביי אים מיין פרייהייט אויס...

חנה

(ווערט אינגאַנצן בלאַס, בויגט אַראָפּ דעם קאָפּ און וויינט.)

שמעון

דאָס איינציקע, וואָס איז פאַרבליבן...

חנה

(הייבט לאַנגזאַם אויף דעם קאָפּ.)אפשר האָסטו רעכט... דורך מיר ליידסטו... און איך דאַרף דיך באַפרייען. אָבער פריער, שמעון בן טלפּסא, דאַרפסטו מיך גט׳ן. ווייל זינ־דיקן, ווען כ׳בין אַ ווייב פון אַ מאַן, וויל איך נישט...

שמעון

הייסט עס, אַז דו ווילסט עס טאָן, ווייל דו ווילסט אָפּקו־מען אַ חוב? הייסט עס, אַז דו ווילסט עס נישט טאָן צוליב דעם, מ׳זאָל מיך באַפרייען און מיר זאָלן נאָך קענען זיין אינאיינעם? מם... פאַרוואָס־זשע שווייגסטו?

חנה

(וויינענד.) אָבער ווי קען איך זינדיקן, זייענדיק אַ ווייב פון אַ מאַן? אָ, גאָט אַלמעכטיקער! (וויינט ביטער.)

קוויעטום.

קוויעטום

(קומט אריין, שטעלט זיך ביי דער טיר און שמייכלט איראָניש.) און די פרוי זיצט נאָך אַלץ? שוין לאנג צייט געווען דעם טויער פארלאָזן... אָבער היינט פארגיב איך אייך. צופיל צו דעם מאן וועסטו שוין ניט דארפן גיין. געציילט זיינען די וויזיטן אייערע. איינגיכן וועט איר שוין נישט האָבן וואוהין צו גיין.

חנה

(קוקט אויף שמעונ'ען מיט רחמנות.) שמעון... שמעון! פארגיב מיר, וואָס איך קען ניט טאָן דיין אָנבאָט. כ'וועל גערן שטארבן מיט דיר אינאיינעם, נאָר באפריי מיך פון דיין לעצטן געבעט.

שמעון

(שווייגט.)

חנה

שמעון, שמעון...

קוויעטום

נו, גענוג, גענוג פאר היינט... ווארט נישט מ'זאָל דיך ארויספירן פון דאנען. (רופט מיט זיין טרומייט.)

חנה

(גייט לאנגזאם צו דער טיר.)

(וועכטער קומען אריין.)

שמעון

גיי און קער זיך מער צו מיר נישט אום. פארגעס אָן מיר און... (ער דרייט אוועק דעם קאָפּ און קען מער ניט רעדן.)

חנה

(קערט זיך אום, קוקט אויף אים א ווײַלע, צעעפנט שטארק אירע גרויסע שיינע אויגן און זאָגט.) כ'וועל גיין... כ'וועל גיין צו אים... (די וועכטער רינגלען זי ארום און פירן זי אָפּ.)

קוויעטום

(קוקט א ווײַלע אויף שמעונ'ען און גייט ארויס, פאר־קלאפנדיק די טיר נאך זיך. מ'הערט דערנאך פון יענער זייט שליסן די טיר.)

שמעון

(קוקט א לאנגע ווײַלע אויף דער טיר, גייט צו און לייגט אויטאמאטיש ארויף די האנט. מורמלט.) חנה.. חנה.. (דאס וועכטער־כאר הערט זיך ווייטלאך. זיין פנים ווערט מרה־שחורה'דיק און ער הויבט אן זיך ארומדרייען ווי א לעמ־פערט אין אן ענגער שטייג. פלוצלונג שטעלט ער זיך אפ אין מיטן און רעוועט ווי א לייב.) חנה!!! חנה!!! (צו־ביסלאך ווערט זיין אויסדרוק ווייכער און ער זינגט.)

צו דיר, מיין זוניק שיינע חנה,
בעט איך א געפאלענער,
פארגיב מיר מיין באפעל צו דיר.
א, ווען כ'קען דיך אומקערן צו מיר!
גיב מיר כח, דו האר,
זי אפצושטעלן אין דעם וועג!
כ'זאג דיר צו דערפאר,
דיר דינען מיינע טעג
מיט מיין גאנצן הארצן
און מיט מיין נשמה...
און מיט מיינע שטארקע הענט...
נאר לאז מיך נעמען היינט נקמה.
גיב מיר כח דאס איינע מאל,
שטארק אין מיר, ווי קרעמין, מיינע ביינער
און מיין הארץ זאל ווערן שטאל!
און מיינע הענט ווי הארטע שטיינער!
(ער טוט זיך א לאז צו דער טיר, כאפט אן דעם

פאַררוקער און קעמפּט מיטן שלאָס אַ לאַנגע ווײַ־
לע, ביז ער ברעכט אויף די טיר און לויפט אַרויס.
מ'הערט אַ שטאַרקען געשריי. ס'הערט זיך דער
גערויש פון די וועכטער און דאָס וואויען פון די
פּיילן־בוינן נאָך אים.)
(פאָרהאַנג פאַלט.)

דריטער אַקט

(ביי נתן אין גאָרטן. דער גרונד איז אַ טיפקייט פון פּראַכטפול שיינע בוימער, דורך וועלכע עס רייסט זיך דורך די זון...און פאַלט אויף דער ערד דורך די בלעטער, זיך שפּילנדיק ווי לעבעדיקע שטערנדלאך. אין א פּראַכטפולער שטול זיצט נתן אָנגעלייגט אין א זייט. ביי דער זייט זיצן מיידלאך מיט האַרפן נעבן זיך).

נתן, ארמאנדיסה, פּרויען.

ארמאנדיסה

(ליגט ביי נתנ׳ס פיס א האַלב נאַקעטע.) נו שוין... נישט פאַרלענגער דיינע ליידן... גיב זיך איבער צו איר מיט לייב און זעלע און באַלד וועלן דיינע גלידער געהיילט ווערן. ווער קען דען נאָך מערער ליבן, ווי די געטין אשטארטא, וואָס זי איז די ליבע אַליין. ווי שעמסטו זיך נישט פאַר־בייטן די ליבע פון א געטין צו אַ פּשוט׳ער קנעכטין?

נתן

(טוט אַ ציטער, איינגראָבנדיק זיין פּנים אין זיין אָרים.)

ארמאנדיסה

זע אַליין, האָסט מיך אין דיין הויף געבראַכט, האָב איך דיר פרייד אין אַלע ווינקלען אָנגעפילט. האַרפן שפּילן אַלע טאָג און קנעכטין טאַנצן אַלע טאָג נאָך מיין באַפעל, בכדי דיין האַרץ צו היילן. צען מאָל צען קנעכט האָבן נאָך מיין באַ־פעל פאַר דיר עשתרסין געבראַכט.איצט לאָזסטו זי ביים טויער שטיין. און ווי אַזוי וועל איך, אַ פאַרשעמטע, פאַר

איר זיך ווייזן? מיט דיינע קנעכט וועל איך זיך דאַרפן רייניקן פאַר איר, און דיך, מיין האַר, וועט זי פאַרשעלטן. (וויינט אַ ווײַלע, מיטן קאָפּ צו זיינע פיס. פּלוצלונג שטעלט זי זיך אויף די קניע און ציט די האַנט אויף אים לײַדנ־שאַפטלאַך וואָס אַמאָל העכער.) ווי גוט די ליבע איז פאַר איר... האָ... היים זי ברענגען, ברענגען.

נתן

(שטרעקט אויף איר קערפּער זיין האַנט, נישט אויפהויבנ־דיק זיין קאָפּ. ענדלאַך ווייטיקט ער אוים.) גיי. גיי.

ארמאנדיסה

(שטעלט זיך האַסטיק אויף און שרייט אויס.)
אואַנטערטייניקע צו מיין געטין!
שאַלט, טרומייטערן, פאַר עשתרות!
נעמט אַריין די געטין ליבע מיט געזאַנג!
(ס'פאַנגט זיך אָן אַ פייפעריי און אַ לויפעריי פון דינער.)

מיידלאַך

(פאַנגען אָן שפּילן אויף די האַרפן.)

ארמאנדיסה

(לויפט אַרויס. די טויערן עפענען זיך ברייט פון דער רעכ־טער זייט און אַ מאַסע שוואַרץ־אינדישע נאַקעטע קנעכט טראָגן אויף שייטער זייער לאַנגזאַם אַ גרויסע סטאַטוע פון דער געטין עשתרות. ביי אירע פיס זיצט ארמאנדיסה, אַרום טאַנצן האַלב־נאַקעטע מיידלאַך נאָך דעם קלאַנג פון די האַרפן און פויקן. ווען זיי קומען פאַר נתן'ען, שפּרינגט ארמאנדיסה אַרונטער, טרעטנדיק אויף די קעפּ פון די קנעכט, וואָס טראָגן אַסטאַרטאַ, און ווייזט אָן אַרונטער צו לאָזן די געטשקע אין דער לינקער זייט. דאָס פויקן, שפּילן און טאַנצן נעמט אָן אַלץ ווייטער מער עקסטאַז, ענדלאַך פאַלט ארמאנדיסה צו נתנ'ס פיס און ציט זיך צו אים לײַדנשאַפטלאַך נאָך דער מוזיק.)

נתן

(קוקט גלייכגילטיק, פארגלאנצט די אויגן. פלוצלונג כאפט ער זיך אויף און צעוויינט זיך ווי א קינד. שרייט.) נישט מיט דיר. נישט מיט דיר. מיט איר איז מיין צעוואונדעט הארץ. (שטילער.) פארוואס ברענגט מען זי נישט? פאר־וואס ברענגט מען זי נישט?

דינער

(לויפט צו, זיך בוקנדיק.) איז דאך שוין געגאנגען זמינא.

נתן

ווי לאנג די שעה'ן ציען זיך. ווי יארן ציען זיך מינוטן.. ממ... (פאלט אום אין שטול, פארשטעלנדיק דאס פנים, וויינענדיק היסטעריש.)

דינער

(לויפט צו, דערלאנגט אים טראפן פון א פלעשל.)

נתן

(הויבט אויף דעם קאפ בייז.) גיי אוועק פון דאנען! שטיי נישט לעבן מיר! ווייל כ'וועל דיך... (הויבט זיך אויף האס־טיק.)

דינער

(ווארפט זיך אויף די קניען.)

נתן

(שרייט.) שטיי אויף! שטיי אויף, זאג איך!

א קנעכט

(לויפט אריין, בויגט זיך.) פלטיאל ווארט נעבן טויער. ער זאגט, א גרויסער מאן וויל דיך זען.

נתן

כ'וויל נישט קיינעם.

דינער

פלטיאל זאגט, אז דאס איז אייער תנא אליין.

נתן

ווער?

דינער

כ׳ווייס נישט, כ׳לעבן, אַ שווערער נאָמען אויסצורעדן.

נתן

לאָז זיי אריין.

ארמאַנדיסה

(כאַפּט אים ביי דער האַנט.) דערצאָרן נישט די געטין, האַר, לאָז אים שטיין ביים טויער, ביז עשתרות וועט דיך היילן... קום צו איר. קום. (ציט אים.)

נתן

(צום דינער.) לאָז זיי אריין.

דינער

(בוקט זיך. אָפּ.)

צוויי דינער

(טראָגן אים אונטער עסן, וואָס איז פאַרגרייט געוואָרן צו ליב עשתרות, פאַר אים און ארמאַנדיסה.)

נתן

משוגעים! פאַר וועמען טראָגט איר דאָס? וואַרפט עס ליי-בער פאַר די הינט!

ארמאַנדיסה

(וואַרפט זיך צו דער געטינ׳ס פיס און וויינט קאַפּריזנע.)

ר׳ עקיבה.

ר׳ עקיבה

(באַגעגנט די דינער מיטן עסן אויפן וועג, ער שטעלט זיי אָפּ.) ווי אַזוי ווילט איר, אַז אייער האַר זאָל עסן, אַז איר האָט אים אפילו קיין וואַסער נישט דערלאַנגט די הענט זיך איינצוואַשן. גייט, ברענגט אים וואַסער.

נתן

מ׳דאַרף נישט, גרויסער רבי. נישט מיינע הענט זיינען טמא, נאָר מיין האַרץ... מיין האַרץ...

ר׳ עקיבה

ווי קען דיר דיין האַרץ נישט זיין טמא, אַז דו האָסט אָנ־געפּילט דיין געצעלט מיט געצן און געצנדינער. טרייב זיי אַרויס פון דאַנען. קער זיך אום אין רעכטן וועג, גיב נישט נאָך דער תאוה, וועסטו דעמאָלט געפינען אַ דערלייזונג.

נתן

כ׳קען נישט... מיין איינציקע דערלייזונג... אויב מ׳ברענגט מיר נישט די שיינע חנה, וועל איך ביי די פיס פון עשתרות זוכן מיין היילונג.

ר׳ עקיבה

ווי צו דעם, וואָס זיין האָפנונג איז געבליבן צו שטיינער־נע געטער. וואָס פאַר אַ היילונג קען דיר ברענגען אַ גאָט, וואָס מענטשן טראָגן אים אויף זייערע פּלייצעס? ווער זיי־נען אירע דינער? שלאַנגען אין מענטשלאַכער הויט! פוי אויף זיי! היילן וועט זי אים! מיט איר צונג וועט זי אויס־גלעטן גיפט אין דיינע אברים. זי וועט דיך אויפפרעסן ביזן מאַרך פון דיינע ביינער, דערנאָך וועסטו לעכצן נאָך פאַרגעבונג, ווי דער דאַרשטיקער אין מדבר נאָך אַביסל וואַסער, אָבער ס׳וועט שוין זיין צו שפּעט. איצטער, ווייל דו פאַרשטייסט נאָך, אַז דו ביסט זינדיק, נעם דיך צונויף מיט אַלע כחות און שטיי ביי דעם נסיון. לאָז דיך נישט.

נתן

כ׳קען נישט, רבי. כ׳קען נישט...

ר׳ עקיבה

וואָס הייסט, דו קענסט נישט? כ׳וואָלט דיך גיכער גע־פרעגט, ווי קענסטו יאָ טאָן אַזא מורא׳דיקע זינד? באַרעכן נאָר, אָרימער מענטש, וואָס דו טוסט דאָ. דו ווילסט צו־נעמען אַ ווייב פון אַ מאַן, שוין דאָס אַליין איז איינע פון די גרעסטע זינד ביי אונז, אידן... אפילו ווען זי איז מסכים. היינט, אַז דו ווילסט זי מיט געוואַלט נעמען, איז דאָך די זינד נאָך גרעסער. היינט ווי איז דאָס געהערט געוואָרן,

אַז מ'זאָל נאָך צוליב דעם איבערגעבן דעם מאַן אין גוי׳־אישע הענט. כ'האָב פּשוט קריעה געוואָלט רייסן,, אַז איך האָב זיך דערפון דערוואוסט. אי־אי־אי! נישט אומזיסט האָבן זיך אונזערע געטרייע זין ווי לייבן געשלאָגן ביז די לעצטע כחות. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז קוים פאַרלירט מען דעם באָדן, ווערט דאָס גייסטיקע אויך צערונען. נישטאָ שוין ווער ס'זאָל אויסשטראָפן. (וויינענד.) און נישטאָ ווער עס זאָל באַשטראָפן. דערפאַר אָבער וועט זיך גאָט דער האַר אַליין זיין קריוודע אָננעמען. נעם מיינע רייד דיר גוט אין זינען און באַפריי דעם מאַן צו זיין ווייב און טו תשובה... וואָרים אַ מענטש דאַרף געדיינקען, אַז נישט אינגאַנצן איז דאָס זינדיקע לעבן אויף דער וועלט. מיר האָבן נאָך אַ עולם־הבא, פאַר וואָס מיר דאַרפן זיך גרייטן. געדענק! געדענק!

נתן

הער מיך אויס, רבי. דיינע רייד בויערן מיין קראַנק האַרץ, ווי די האַנט, וואָס קנייט דאָס געיווירענע טייג. שוין דאָס צווייטע מאָל אין מיין לעבן ווי דער רבונו־של־עולם שטעלט מיך צום נסיון, אַז מיין האַרץ זאָל ציען צו דער, וועלכע דאַרף מיר אָנקומען מיט יסורים. כ'קען מיין בייַנקונג נאָך איר מער נישט באַהערשן אין מיר! כ'וועל נישט שוינען קיינעם, וואָס וועט מיר שטערן זי צו קריגן. אומזיסט איז דיין וואָרנען, רבי. ברייננג זי מיר. אויב דו האָסט אויף אים רחמנות.

ר' עקיבה

און איך זאָג דיר, נתן, דער זון פון קסמא, אַז זאָלסט נישט מיינען די הימלען זיינען הפקר! גאָט וואַרט לאַנג און צאָלט גוט! ער איז אַן ערך־אַפּיים, אָבער אַז ער באַצאָלט, צאָלט ער מיטאַמאָל!!

פלטיאל

(וועלכער איז געשטאַנען ביי דער זייט פון עקיבה, זאָגט.)

כ'וועל דיר דערויף דערציילן א משל. צו א מלך האט מען פארקויפט א נייעם קנעכט. האט דער מלך אים געוואלט אויספרואוון, האט ער אים אמאל איבערגעלאזט אליין אין א חדר, וואו ס'זיינען געלעגן טייערע שטיינער. דער קנעכט האט באטראכט די שטיינער און האט נישט פארשטאנען זייער ווערט, האט ער זיי איבערגעלאזט. דעם אנדערן טאג האט ער אים איבערגעלאזט אין קעלער, וואו ס'זיינען געשטאנען אלערליי געטראנקען, האט דער קנעכט צום ערשטן א שמעק געטאן, דערנאך א זופ, און נאך א זופ, ביז ער האט זיך פאר'שכור'ט. פון דעמאלט אן האט דער מלך פארשטאנען, אז אויף דעם קנעכט מעג ער גיכער אנ־געטרויען טייערע שטיינער, איידער א פלעשל מיט משקה. דאס אייגענע איז אויך מיט דיר. גאט האט דיך געשטעלט צום נסיון, בכדי צו זען, צי מעג ער דיר אנטרויען זיינע שיינע מיידלאך. ביסטו גראדע נישט קיין שוטה און פאר־שטייסט, וואס שיין הייסט. נו, זאגט ער, אז דו ביסט אויף מיידלאך יא א מבין, וועל איך דיך בעסער שטעלן היטן די געשווירענע וואל פון...

נתן

(אויסער זיך.) או אלטער שלאנג, ווי דו, האט געמעגט שכל האבן א שענער משל צוצוטראכטן. גיי ארויס! שוין! איידער כ'באפעל מ'זאל דיך אוועקטראגן!

זמינא.

זמינא

(לויפט אריין.) אט באלד. זי קומט, כ'לעבן. אט באלד וועט זי זיין...

נתן

טאקע? האסט אליין געזען?

זמינא

וואס הייסט אליין? טאקע מיט מיינע... (טראכט שנעל.)

ס׳הייסט געזען קומען האָב איך זי נאָך נישט, אָבער כ׳האָב געהערט, וואָס זיי האָבן גערעדט.

נתן

וואָס האָבן זיי גערעדט, דערצייל שוין!

זמינא

ער אַליין האָט זי געשיקט.

נתן

(דערפרייט.) ער אַליין?

זמינא

זאָל מיר אַזוי גאָט דער האַר העלפן. און זי האָט געוויינט און נישט געוואָלט, נישט געוואָלט אַזוי לאַנג, ביז זי האָט מסכים געווען און ג...

אַ דינסט

(קומט שנעל, בויגט זיך פאַר נתנ׳ען.) אַ יונגע פרוי מיטן נאָמען חנה פרעגט, צי זי מעג אַריינקומען.

נתן

(בלייבט אַ ווײַלע ווי באַטויבט, דערנאָך שרייט ער אויס.) עפן ברייט די טויערן און לאָז זי אַריין! און דיך מיט די איבעריקע קנעכט פון טויער באַפריי איך פון קנעכטשאַפט!

(די דינסט לויפט ראַש אָפּ.)

ר׳ עקיבה

און איך וואָרן דיך נאָך אַמאָל, אַז כאָטש זי איז צו דיר געקומען, פונדעסטוועגן זאָלסטו ביישטיין דעם גרויסן נסיון.

ח נ ה.

חנה

(קומט אַריין און בלייבט שטיין גלייך פאַר נתנ׳ען.)

נתן

(טרעט אַראָפּ פון זיין שטול געגן איר.) דאָך ביסטו געקומען! ווי דערלייכטערט איז מיר מיין נשמה! קום, קום צו נעענטער. (ער טרעט אַרויף אויף דער שוועל פון זיין שטול,

שטרעקנדיק צו איר די הענט ליידנשאַפטלאַך.) גאָט אַליין, ווייזט אויס, האָט דיך פון מיינעטוועגן אויסגעקליבן. דיר וועט נישט פעלן פון מילך און פון האָניג, פון די בעסטע קליידער און פון די טייערסטע שטיינער. און ווי צוגע־פּאַסט זיי וועלן זיין צו דיר, דו שיינע חנה. ווי שיין ס'וועט זיך אויסמישן דער גלאַנץ פון דיינע אויגן מיט די פינקלען פון בריליאַנטן! ווי ווייט דו וועסט פאַר'שכור'ן! און היילן מיר מיין הארץ... ווי ווייט דו קענסט מיך טראָגן א גע־פאַנגענעם אויף וואָלקנס און אין טיפע גרונדלאָזע תהום'ען. און ווען דו וועסט כאָטש איין מאָל זיך א צאַפּל טאָן מיט פרייד, ווי דערהויבן וועל איך פילן. (מורמלט.) ווי דער־הויבן! (אין טרערן.) ווי דערהויבן! (ער קוקט א ווײַלע אָנ־געשטרענגט צו איר, טוט א ציטער, פאַלט אין שטול, שלוכצענד היסטעריש. נאָך א ווײַלע כאַפּט ער זיך אויף און שרייט אויפגערייצט.) איך שריי צו דיר מיט אַלע ווייטאָגן פון הארצן, און דו קוקסט פאַר'תמ'עט ערגעץ אַנדערש־וואו, צי הערסטו נישט? צו ביסטו געקומען נישט צו הערן?

חנה

ס'איז אמת, האר. איך בין געקומען נישט צו הערן. נאָר זאָגן בין איך דיר געקומען דאָס לעצטע וואָרט. דאָ שטייט פאַר דיר א פרוי, וועלכע איז גרייט צו טאָן אַלעס פאַר דער באַפרייאונג פון איר מאַן, וועלכער שמאַכטעט אין תפיסה צוליב איר. כ'בין איצט ביי דיר אין די הענט. און ווען מיין פאַרלאַנג וועט דערפילט ווערן, קענסטו טאָן מיט מיר, וואָס דו ווילסט. אָבער מוזט געדענקען, אז פאַר דיר שטייען איצט צוויי וועגן. איינער, מיט וועלכן דו קענסט געווינען עולם־הבא; און דער צווייטער, פאַר וועלכן דו וועסט ליידן אייביקן גהינום. און דאָס קענסטו אַנטשיידן אין איין רגע. באַדענק זיך גוט, איידער דו באַגייסט די גרויסע זינד. אין איין רגע מאַכסטו מיך און מיין מאַן

אומגליקלאַך אויף ד ע ר וועלט, און זיך אויף י ע נ ע ר וועלט. און איצט באַרעכן, וואָס דו קענסט געווינען אין דער רגע, ווען דו וועסט מיך אַרויסלאָזן פון דאַנען ריין און אומבאַפלעקט. באַהערש דיך, און דו וועסט דיין גאַנץ לעבן פילן גליקלאַך... געדענקענדיק, וואָס פאַר אַ זיג דו האָסט געוואונען איבער זיך. וועסטו זיך אָבער אונטער־געבן דעם נסיון, וועסטו דיין גאַנץ לעבן זיין אומגליקלאַך, וויסנדיק, אַז דו האָסט אומגליקלאַך געמאַכט צוויי מענטשן, און דו האָסט פאַרלוירן די זכיה פאַררעכנט צו ווערן צווישן די גרעסטע צדיקים.

נתן

(וועלכער האָט די גאַנצע צייט געהערט אָנגעשטרענגט, פאַנגט זיך אָן וואַקלען און מורמלט.) גיב מיר כח... גיב מיר קראַפט דאָס בייצושטיין... (אויף זיין קאָפּ ציט זיך לאַנגזאַם אָן אַ מין ליכטיקייט, ביז ס׳שיינט אַרויס בולט ווי אַ רייע ליכטיקע שטראַלן.

ר׳ עקיבה

(וועלכער איז געשטאַנען פון ווייטן, שרייט אויס.) דער יצר־טוב האָט מנצח געווען! די שכינה רוט אויף אים!

אַלע דינער

(קלייבן זיך צונויף און קוקן אויף נתנ׳ס קאָפּ, פרעגנדיק איינער ביים אַנדערן שטומערהייט: ווי? ווי?)

נתן

(ווי אין כשוף.) קער דיך אום צו דיין מאַן און בעט אים, ער זאָל מיר מוחל זיין... מאָרגן, ווי די זון וועט נאָר אויפ־גיין, וועט ער אַרויס פריי.

חנה

געלויבט איז גאָט און זיינע חסדים.

ר׳ עקיבה

נישט נאָר זאָל זי פאַר דיר בעטן ער זאָל דיר מוחל זיין, נאָר דער שכל איז מתחייב, אַז דו אַליין דאַרפסט אויס־

ריכטן א סעודה און זאָלסט פאַר כל עם ועדה אים בעטן מחילה... און ער וועט דיר מיט גאָט'ס הילף מוחל זיין. און זאָלן זיך דיר דיינע ליכטיקע שטראַלן אויך דערמאָלט באַווייזן פאַר עדות אויף דעם גרויסן נסיון, וואָס דו ביסט ביינעשטאַנען.

זמינא

(צו די דינער.) וואָס לאָזט איר זיך נאַרן? איך האָב נישט געזען קיינע שטראַלן אויף זיין קאָפּ! ס'א ליגן!

ר' עקיבה

ארויס זאָל דיר די אויגן! דו ביסט דאָ איינער, וואָס האָט נישט געהאַט די זכיה.

זמינא

(בלייבט אומבאַוועגלאַך, זיינע אויגן ווערן געגלעצט, ווי אָן דעם לעבעדיקן נערוו. ער טוט זיך פּלוצלונג א כאַפּ פאַר די אויגן מיט א געיאָמער.) ווי איז מיר! האָסט מיך בלינד געמאַכט! האָב רחמנות, גרויסער רבי, כ'האָב חרטה! (ער וויינט מיט א צעקרימטן געיאָמער.)

ר' עקיבה

גיי און טו תשובה! זאָלסט דיין וועג אַזוי לאַנג טאַפּן אין דער פינסטער, ביז דו וועסט געלייטערט ווערן.

זמינא

(יאָמערט נאָך שטאַרקער. מיט זיין געוויין מישט זיך אוים א שטאַרקער רעש פון דעם טויער. אַלע וואַרפן זייערע אויגן אין יענער זייט.)

שמעון

(רייסט זיך אריין דורך די דינער, וועלכע פאָלגן אים נאָך און שטערן אים אין וועג. ער קעמפט נאָך א ווייַלע מיט זיי, ביז ער לאָזט זיי הינטער זיך. נאָך אים ברעכן זיך דורך א מחנה באַוואָפנטע יונגען און מיידלאַך. ער בלייבט גלייך שטיין פאַר נתנ'ען, אים אַנקוקנדיק א ווײַלע ווי א ווילדער. פון אונטער זיין אויער רינט בלוט אויף זיין באַק.

ער דרייט לאַנגזאַם אויס זיין בליק צו חנה'ן און ברומט אויס ווי א לייב.) כ'האָב דאָרט געוואַרט און נישט גע־קענט דערוואַרטן... מיין בלוט האָט אָנגעבאַנגען ווילדעווען אין מיר. כ'האָב געזען דיך אין זיינע טריפע אָרים, א קאַל־טער טויטער שוויים האָט מיך באַשלאָגן. דערנאָך האָט מיר דאָס בלוט א זעץ געטאָן אין קאָפּ, און כ'האָב די טיר פון קאַמער אומגעוואָרפן. דעם שומר אויפן וועג דעם קאָפּ אָן טיר פאַרקלעמט. און ווי א הערש, איבער דעם הויכן מויער זיך געוואָרפן, געזיגלט ווי א וואָלף, די פיילן פון די וועכטער זאָלן נישט מיין גוף דערגרייכן. אָבער ווי איז צו מיין לעבן. (וויינט.) כ'בין געקומען שפּעט... כ'ב'ן געקומען שפּעט... (וויינט נידערגעשלאָגן.)

חנה

(גייט צו צו אים, מיטוויינענד.) שמעון. שמעון. זיי נישט צאָרנדיק אַזוי. דאַרפסט אים מוחל זיין, איידער דו ביסט אין דן לכף חוב. ער...

שמעון

(זי אָפּשטויסנד לייכט.) בעט נישט פאַר אים, קענסט דיר רואיק גיין צו אים. ער איז דאָך דער מאַן, וועלכער האָט מיט בראַנדיקער, ווילדער ליבע אין דיין לייב זיך געפרעסן. (אין טרערן.) האָסט אים געהיילט מיט דיין לייב, וועלכעס האָסט געגן דער מאָרגנדיקער זון א נאַקעטס דאָס ערשטע מאָל פאַר מיר אָפּגעדעקט. און איך האָב דאָס מיט מיינע פינגער קוים באַרירט, באַוועגט איבער דיין סאַמעטענער הויט, ווי איבער דעם פּרוכת פון דעם הייליקן משכן אין בית המקדש. כ'האָב מיר נישט פאַרגינען רעכט אפילו דיי־נע ליפּן אויסצוקושן... נאָר שפּאָרעוודיק געגלעט זיי מיט מיינע הייסע ליפּן. צוביסלאַכוויז פאַרזייט אין דיר מיין בלוט און שפּאָרוויז דיך געטרונקען. איז איצט אָבער גע־קומען (ווייזט אויף נתנ'ען.) יענע ווילדע חיה און האָט א שכור'ער דיך אויסגעטרונקען. אומ'ברחמנות'דיק פאַר־

טיליקט די זוימען פון מיין ווארים ליבע־בלוט. (וויינט.) גיי־זשע איצט צו אים, און זאָלן הייליקע (ווייזט אויף פּלטיאל און ר׳ עקיבה.) באַגלייטן דיך אין הארטן גאָלדן בעט. פאַר מיר וועט זיין געגוג די ערד. און איר וועל איך פון היינט אָן פאַרפּלאָנצען מיינע טרערן, און בעטן ביים אַלמעכטיקן וועל איך, אז קללות זאָלן שפּראָצן! (לאָזט זיך צו נתנ׳ען.) קללות אויף דיין קאָפּ!!!

ר׳ עקיבה

(און אַ פּאָר דינער האלטן אים צו.) נישט מיט רשעות, זון מיינער, נישט געשטורעמט! נאָך אביסל, און ביי דיר איז שוין רעכט צו דענקען, אז איך האָב געגעבן מיין הסכמה. כי־כי־כי... שיין וואָלט אויסגעזען גאָט׳ס וואָרט, ווען זיינע דינער רעכטפערטיקן אַזוינע מעשים. אָבער גאָט וועט דיר מסתמא מוחל זיין. דיין יונג בלוט האָט אַנ־דערש מסתמא נישט געקענט. אָבער איצטער, זונעניו, זאָלסטו גלויבן אין שלמות פון ר׳ נתן און אין די רייד פון דיין ווייב. דאַרפסט אים מוחל זיין, מוחל זיין...

שמעון

(וויינט.)

חנה

(מוטערלאַך.) אומזיסט פאַרגיסטו טרערן, קינד... ס׳איז אמת, כ׳בין צו ר׳ נתנ׳ען געגאַנגען, אָבער אָנשטאָט צו מאַכן אים זינדיקן, האָב איך אים צום גרעסטן זכות גע־בראַכט.

שמעון

שווערסטו מיר ביי אונזער קינד, וואָס וועסט געבוירן?

חנה

כ׳שווער ביי אונזער קינד, וואָס וועט געבוירן ווערן, און ביים אַלמעכטיקן גאָט, וואָס ער האָט היינט דעם גרויסן חסד מיט זיין דינסט געוויזן.

נתן

און פאַר מיר וועל איך אַליין שווערן!
הער מיך אויס, מיין הייליקער יונגער העלד!
כ'בין אַ בוים, אַ ווערמדיקער, פון ליבע אויפגעפרעסן.
כ'האָב אַמאָל געליבט ווי דו,
אַ מיידל, וואָס איז, פונקט ווי דיינע, צאַרט און שיין געווען,
(וויינענד.) האָבן מיינע עלטערן פאַרבאָטן מיר די פרוכט,
וואָס קומט פון שיינעם אָרימען פאָלק אַרויס.
יחוס האָבן זיי פאַר מיר געזוכט,
איך אָבער האָב קיין אַנדערע אין מיינע חלומות
מער נישט זען געקענט...
בין איך אַ בחור אַן אַלטער,
אַ פאַרזעסענער פאַרבליבן...
אוצרות זיינען מיר געבליבן,
מיינע עלטערן זיינען געשטאָרבן,
און אין מיין האַרצן האָס געלאָזט...

ר' עקיבה

גראָב נישט אויף די טויטע פון זייערע קברים.

נתן

(זעצט פאָר.) און ווען איך האָב דיין ווייב דערזען,
האָט זיך מיין מיין חלום מיר דערמאָנט.
ווי יענע, האָט זי אַ בליץ געטאָן פאַר מיר.
כ'האָב געטראַכט: אַ גלגול איז דאָס...
און ס'האָט מיך באַלד מיין האַרץ געצויגן.
ס'איז אמת!
כ'האָב געברענט מיט ווילדקייט נאָך איר קערפּער,
און דאָס איז אפשר מיין רפואה...
צו אַ הייליקע איז זי פאַר מיר געשטאַנען.
און גאָט איז מיין עדות,
כ'בין בייגעשטאַנען דעם נסיון.
איצט איז זי דיינע, נעם זי דיר,

און בענטש דיך גאָט
פאַר דיין גרויסער ליבען, וואָס דו טראָגסט צו איר.

חנה

א גלגול האָסטו געזאָגט? געדענקסטו נישט דעם נאָמען פון יענער מיידל?

נתן

צו לאַנג איז שוין פון יענער צייט כ'זאָל געדיינקען. וואָס מיר איז יאָ פאַרבליבן אין זכרון, איז די הייל אין יענעם בערגל, וואו איך פלעג זיך מיט איר טרעפן, קיינער זאָל נישט זען...

חנה

(פאַרשטעלט איר פנים און זאָגט באַהאַלטן.) מיין מוטער פלעגט מיר אויך דערציילן פון יענער הייל...

נתן

פון יענער הייל, מיין קינד, האָט קיינער נישט געוואוסט, ווייל איך אליין האָב זי געהייסן גראָבן..

חנה

אָבער זי האָט מיר געזאָגט דאָס, וואָס דו, אז קיינער האָט פון דעם נישט געוואוסט, חוץ איר און איר געליבטן.

נתן

(מיט שרעק.) ווּעמענס טאָכטער ביסטו, זאָג!

חנה

מרים'ס. מרים האָט מיין מוטער געהייסן.

נתן

מרים! גערעכטע! מרים האָט זי געהייסן! און דו ביסט מרים'ס טאָכטער! (ער פאַלט אויפן שטול.)
(ר' עקיבה און אנדערע מינטערן אים.)

נתן

(מורמלט.) טאָכטער מיינע... טאָכטער מיינע...

ר' עקיבה

גייט צו, קינדער, גייט...

נתן

(זיך בעטנדיק שוואַך.) רבי, זאָל זי צוגיין... מסתמא איז אַזוי באַשערט געווען, כ'זאָל דורך מיינע איצטיקע זינד קומען צו דערלייכטערונג... זייט מיר מוחל, קינדער.. זייט.. (ער פאַלט אין שטול, מורמעלט.) זייט מיר... (שטאַרבט.) (חנה און שמעון בלייבן פאַרגליווערט אויף זייערע ערטער.)

ר' עקיבה

(צו שמעונ'ען און צו חנה'ן.) ניט שוין קען אַ מענטש אַזוי האַרט זיין ביים האַרץ? מה-דאָך, אַז דער רבונו־של־עולם אַליין איז מוחל אַ חוזר־בתשובה, אַ כל-שכן אַ מענטש, וואָס איז אַליין אויך ניט אינגאַנצן ריין פון זינד.

(חנה און שמעון גייען צו, שטעלן זיך פאַר אים מיט געבויגענע קעפּ. די אַנדערע טראָגן לאַנגזאַם אַרויס די סטאַטוע נאָך אַ שווערער באַגלייטונג פון מוזיק. די בחורים און מיידלאַך, וועלכע האָבן נאָכגעפאָלגט שמעונ'ען, זינגען דעם ערשטן סטראָף זייער לאַנגזאַם, איינגעוויקלט אין טרויער, אָבער דערביי אָנזאָגנדיק אַ פרישע האָפנונג.)

אַלע

וועלן זיינע צווייגן בליען
און די בלעטער וועלן פליען
פון דעם ווינט,
פון דעם ווינט.
וועלן וואָרצלען זיך פאַרשפּרייטן
און צום זומער, צו דעם צווייטן
זיך פאַרמערן
מיט אַ קינד...

(פאָרהאַנג פאַלט.)